№ 14 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. • פרייז 20 גראשען. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

Bibljoteka Jagiellońska Kraków

טשענסטאכאווער צייטונג

ערשיינט יעדען פרייטאג.

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 291.

ע"ווסע אלעע 6. — טעלעפאן 291

Piątek, d. 5 kwietnia 1935 | ליכט-צינדען 6.04 | פרייטאג פ' תזריע ניסן ב' תרצ"ה.

פסח איז קרייז פון דער פאמיליע

אלע לויבען די שפייזען: ווי גוט זיי שמעקען — זיי זענען געמאכט אויף „מנורה" די מארגארין „מנורה" האט די מעלה, וואס זי קען געברויכט ווערען צו אלע שפייזען אהן אונטערשיד. „מנורה" איז פארווע געבעקס און טארטען, געבאקען אויף „מנורה" קענען דערלאנגט ווערען נאך יעדען מאהל-צייט silku.

MENORA

מארגארין

BANK HANDLOWY w WARSZAWIE

ODDZIAŁ w CZĘSTOCHOWIE

przyjmuje na dogodnych warunkach zlecenia na paczki **żywnościowe do Z. S. R. R.** (Rosja) przez „Torgsin".

Bliższych szczegółów udziela się chętnie.

אכטונג וויעלון! יין ישמח לבב אנוש!

ווייז און מעהד כשר לפסח

פון דער בעוואוסטער פירמא מ. מארגענשטערן

צו בעקומען אין ווייז און ספירט-געשעפט פון

אשר מענדלעוויטש, וויעלון

פאבריטשנא 14.

FARBIARNIA, PRALNIA CHEMICZNA

„KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2.

מיר נעמען אן צו וואשען **קראגענס** מיט לאנג- דויערענדע שפיגעל-גלאנץ, אויך נעמען מיר אן **העמיש** צו רייניגען און צו פארבען אלערארט קליידונג.

ספעציאליטעט: 1) פארבען לעדערנע קורטקעס,

2) דעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען).

אכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ'ן ארט

פיעל גליק און צופרידענהייט אונזער שוועסטער און שוועגערין

רוזשקא בראדער מיט ה' **חיים פורבערג**

צו זייער חתונה

ווינשען

ליעזש (בעלגיען). חאוועשע און העניעק טעמפעלהאף.

צו דער חתונה פון פרל. **אנקא גלעוויצקא** מיט ה' **מענדיל פעלדמאן**

ווינשט א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט

פאמיליע ב. קוימאן.

אונזער לאנגיעהריגען מיטגליד ה' **מיכאל מאשקאוויטש** צו זיין חתונה מיט פרל. **איידעל פעכוואסער** ווינשט א הערצליכען מזל-טוב

די פערוואלטונג פון ספארט-קלוב „מכבי"

אין וויעלון.

די אלע, וועלכע האבען אנטייל גענומען אין דער לויה, וואס איז פארגעקומען דאנערשטאג ר"ח ניסן תרצ"ה און אפגעגעבען דעם לעצטען כבוד אונזער הייס-געליעבטער נישט-פערגעסליכער טאכטער און שוועסטער

נ"ע **היגדע** בת ר' דוב בער נ"י **באטשאן,**

וועלכע איז נאך קורצע ליידען אוועקגעריסען געווארען פון אונז אין בליהענדסטען עלטער, דריקען מיר אויס פון אונזערע צוויי-טאגטע הערצער דעם אינניגסטען דאנק.

די פערצווייפעלטע

עלטערן, שוועסטער, ברידער און פאמיליע.

אונזער חשוב'ן פרעזעס ה' **בעריל באטשאן** און **פאמיליע** צום פריהצייטיגען טויט פון זייער הייס-געליבטער טאכטער און שוועסטער

נ"ע **הינדע**

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל.

אין זיין ווייטערדיגער ארבייט לטובה די הוידעמער בכבודיגע יידען זאל ער א טרייסט געפונען

די פערוואלטונג פון **„תומכי עניים"**

(גוט-שבת-יודעלעך) אין טשענסטאכאו.

אונזער חשוב'ן פריינד ה' **בעריל באטשאן** און **פאמיליע** צום פריהצייטיגען טויט פון זייער אונפערגעסליכער טאכטער און שוועסטער

נ"ע **הינדע**

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען אויס

יעקב ראזענבערג און פאמיליע

ווילהעלם זשעריקער און פאמיליע

מענדל אש און פרוי

יעקב ראזינער און פרוי.

אונזער לאנגיעהריגען השוב'ן גבאי ה' **בעריל באטשאן** און **פאמיליע** צוליעב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער אונפערגעסליכער טאכטער און שוועסטער

נ"ע **הינדע**

אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל.

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירשלים.

גבאים, קאמיטעט און **מתפללים**

פון דער שוהל **„אהל-יעקב"** (אלעע 4).

Pannie **France Bocianównie i rodzinie** z powodu przedwczesnej śmierci Ich córki i siostry

mgr. filologji klas. B. P.

HELENY

wyrazy szczerego współciucia składają

B. GRYLAKOWIE.

Koleżance naszej p. **France Bocianównie** oraz **rodzinie** składa wyrazy szczerego współciucia spowodu zgonu Ich siostry i córki

mgr. filologji klas. B. P.

HELENY

PERSONEL f-my B. GRYLAK.

Przyjacielowi naszemu **Ezjelowi oraz Rodzinie** wyrazy współczucia z powodu zgonu Ich córki i siostry

mgr. filologji klas.

b. p. Heleny Bocianówny

składają S. BORZYKOWSCY.

Koledze naszemu **Ezijelowi** oraz **rodzinie** wyrazy szczerego współciucia spowodu przedwcześniej śmierci Ich siostry i córki

mgr. filologji klas. B. P.

HELENY BOCIANÓWNY

składają: **K. Szczupak, J. Szeitel, A. Szczekacz, H. Furbergowie, J. Goldmanowie, R. i F. Drożdzyk, H. Helman.**

RODZINIE BOCIAN z powodu zgonu Ich ukochanej córki, a mej drogiej koleżanki b. p. **HELKI** składa wyrazy serdecznego współczucia

M. Zylberberżanka.

Z powodu zgonu naszej ukochanej koleżanki

b. p. HELKI

składają RODZINIE BOCIAN wyrazy szczerego współczucia

Wajnbaumówna i Kozakówna.

מען דארף דאס געדענקען

די יודישע מצה-בעקער ווענדען זיך צו דער טשענסטאכאווער יודישער בעפעלקערונג מיט דער בקשה צו קויפען נאָר היגע מצות. זיי מאָטיווירען דאָס דערמיט, וואָס היות ווי א גאנץ יאָהר פערזאָרגען זיי די יודישע בעפעלקערונג מיט געבעקס, דארף מען אויף פסח נישט ברענגען מצות פון דער פרעמד, נאָר אויך קויפען ביי די היגע בעקער.

נאָך א מאָטיוו איז פערהאנען: ביים מצות - אויסבאקען זענען בעשעפטיגט עטליכע הונדערט יודישע ארבייטער און אויב מען וועט אריינברענגען מצות פון דער פרעמד, וועט מען שאַדען ברענגען די היגע יודישע ארבייטער.

די דאָזיגע צוויי מאָטיווען זענען גענוגענד צו איבערצייגען די היגע יודישע בעפעלקערונג בנוגע דער עהרליכער טענה פון די מצה - בעקער, כאָטש מיר האבען נאָך א מאָטיוו, אז מיט יעדען קילאָ מצות, וואס א היגער בעל-הבית קויפט אין דער פרעמד, גזל'ט ער אראָב א צעהנעריל, וואס ווערט בעשטימט אויף קמחא פאר די היגע אָרימע בכבודיגע יודען.

קורץ, אלץ רעדט דערפאר, אז קיינער דארף נישט און טאָר נישט קויפען קיין פרעמדע מצות, דערביי ווילען מיר אָבער אויפמערקזאם מאכען די מצה-בעקער, אז אויך מיר פערלאנגען פון זיי, דאָס זיי זאָלען האבען א פליכט לגבי דער יודישער בעפעלקערונג — זיי זאָלען בעשעפטיגען צום מצות-אויסבאק אויסשליסליך יודישע ארבייטער.

הונדערטער יודישע ארבייטסלאָזע בעטען זיך א גאנץ יאָהר ביי אונזערע פאבריקאנטען וועגען ארבייט און בעקומען נישט, לעכצען זיי נאָך א שטיקעל ברויט. ווען עס קומט פסח ווילען אויך אָט די דאָזיגע ארפייטסלאָזע הונגעריגע פערדינען א פאָר גילדען אויף יום-טוב, דארפען דעריבער די מצה-בעקער בעשעפטיגען אין דער ערשטער רייהע נאָר יודישע ארבייטער, ווייל מצה איז א יודישער פראָדוקט, וואָס ווערט פערברויכט נאָר דורך יודען.

יודישע מצה-בעקער! נעמט דאס אין אַכט, איהר דארפט דאס געדענקען.

ש.

לחג הפסח

ישרע ווירטין האָט זיך שוין איבערצייגט, אַז דאָס געבעקס קומט אַרויס אַמבעסטען, ווען עס ווערט געבאַקען אויף די פרעפּאַראַטען פון דער זייט 60 יאָהר עקזיסטירענדע פירמע

Dr. A. OETKER

ד"ר עטקער ברענגט אויך דאָס יאָהר פּראָשקעס צו באַקען פּסח'דיג געבעקס: דאָס בעריהמטע באַקפּולווער

Olejek migdałowy, Olejek cytrynowy, Cukier Waniljowy Backin

DR. A. OETKER

זאָל דערהערט ווערען דאס קול פון אויפריכטיגען ווילען צו שלום.

די רעזולוציאָנען פון דעם פארגעקומענעם פלעביסציט צווישען דער ארץ-ישראל'דיגער ארבייטערשאַפט, וועלכע איז אָרגאַניזירט אין דער לינקער „הסתדרות העובדים", זענען שוין בעקאנט דער יודישער עפענטליכקייט. איבער 60 פראָצ. פון די אנטיילנעמער אין דעם פלעביסציט האבען געשטימט געגען דעם „לאָנדאָנער הסכם", וואס אין זיינער צייט געשלאָסען געוואָרען צווישען דעם פרעזידענט פון אונזער וועלט-אוניאָן און ה' דוד בן גוריון, אלס פארשטעהער פון דער אָפיציעלער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. עס איז אַנ'איבריג מאָל קלאָר געוואָרען דער יודישער און ציוניסטישער עפענטליכקייט, ווער עס וויל אַ ברידער-און בירגער-קריעג און ווער אַנ'אויפריכטיגען שלום אין דער ציוניסטישער בעוועגונג און אין יודישען ישוב אין ארץ-ישראל. אונזערע כסדר'דיגע ווארנונגען, אַז דער קלאַסען-גייסט, אין וועלכען עס ווערען דערצויגען די מיטגלידער פון דער לינקער הסתדרות, שטעלט מיט זיך פאָר אַ סכנה פאַר'ן פרידליכען אויפבוי פון ארץ-ישראל, זענען ליידער מקוים געוואָרען, ווי אַלע אנדערע רעוויזיאָניסטישע פאָראויסזאגונגען און היינט צו טאָג זענען די לעהרער און פיהרער פון דער לינקער הסתדרות געבליבען אָהנמעכטיג געגען זייערע געטרייע קלאַסען-קאַמף תלמידים, וועלכע ווילען נישט געבען זייער הסכמה צו דעם געשלאָסענעם „הסכם", נאר ווילען ווייטער פיהרען דעם ברידער-קאַמף.

דער ענטפער פון דער רעוויזיאָניסטישער בעוועגונג אויף די רעזולטאַטען פון דעם פלעביסציט איז אַ פערשטענדליכער: פון תמיד האבען מיר געשטרעבט צו שלום אין ישוב און אין דער ציוניסטישער מחנה. מיר ווילען אויך יעצט, עס זאָל יאָ הערשען שלום אין דער בעפרייאונגס - בעוועגונג פון יודישען פאלק און מיר וועלען זיך בעמיהען מיט אַלע מעגליכקייטען צו פערווירקליכען אונזער דאָזיגען אויפריכטיגען ווילען אין לעבען. פאַר אונז בלייבט אויף ווייטער הייליג דער „לאָנדאָנער הסכם", וואס איז אונטערגעשריבען געוואָרען דורך אונזער פרעזידענט. דאס דארפען די יודישע מאַסען פערשטעהן.

מיר בלייבען ווייטער ביי אונזער טיעפען גלויבען, אַז נאָר דורך נאַציאָנאַלער פערשטענדיגונג און נישט דורך קלאַסען און ברידער-קאַמף וועט אויפגעריכט ווערען אַ היים — דער יודענשטאַט — פאַר'ן גאַנצען יודישען פאָלק אין ארץ-ישראל. קיין שום שטערונגען, נישט אינערליכע און נישט אויסערליכע וועלען אונז נישט אָבהאַלטען פון דעם וועג, וואס פיהרט צו דער פערווירקליכונג פון אונזער דאָזיגען ווילען און גלויבען און פון די דורות-לאַנגע שטרעבונגען פון יוד. פאָלק.

ברית הציונים הרביזיוניסטים בפולניה

סניף בצינסטוחובה.

דער **פאמיליע באָטשאַן**
אין זייער גרויסען צער, אינזער טיעפסטען מיטגעפיהל
ד. קאָניעצפאָלער און **פרוי.**

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזערע פריינד און לאַניעהריגע שכנים
פאמיליע באָטשאַן
צוליעב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער הייסגעליבטער טאָכטער און שוועסטער
נ"ע היינדע
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
פאמיליע דראָזשדזיק.

ערשיטערט פון דער טרויריגער בשורה דריקען מיר אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל אונזערע אינטימסטע פריינד
ה' **בעריל באָטשאַן און פרוי**
צום פריהצייטיגען טויט פון זייער הייס-געליבטער טאָכטער
נ"ע היינדע
מנחם ליבעסקינד און פרוי.

צוועהטאָגט פון דער שרעקליכער בשורה דריקען מיר אויס אונזערע חשוב'ע פריינד
ה' **בעריל באָטשאַן, פרוי** און **קינדער**
צוליעב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער הייסגעליבטער טאָכטער און שוועסטער
נ"ע היינדע
אינזער טיעפסטען מיטגעפיהל.
שמואל ניעמיראָווסקי און **פרוי.**

מיר נעמען אנטייל אינ'ם גרויסען טרויער פון אונזערע פריינד ה' **בעריל באָטשאַן, פרוי** און **קינדער** צוליעב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער געליעבטער טאָכטער און שוועסטער
נ"ע היינדע
און דריקען אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל.
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
ישראל פלאָצקער און **פאמיליע.**

אונזערע פריינד דער **פאמיליע באָטשאַן** צום פריהצייטיגען פערלוסט פון זייער טאָכטער און שוועסטער
היינדע נ"ע
דריקען מיר אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל.
אלעזר פלאָצקער און **פרוי.**

דורכגעדרינגען פון צער צוליב דער גרויסער אבידה פון דער זעהר חשובער **פאמיליע באָטשאַן** צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער הייסגעליבטער טאָכטער און שוועסטער
נ"ע היינדע
אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל.
אין אייער געזעלשאפטליכער ארבייט פאַר די אָרימע בכבודיגע יודען זאָלט איהר אַ טרייסט געפונען.
סאמועל קאַץ און **פאמיליע.**

מיר נעמען אנטייל אין צער פון אונזערע חשוב'ע פריינד **פאמיליע באָטשאַן** צוליעב'ן גרויסען אומגליק, וואס האט זיי געטראָפען מיט'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער הייסגעליבטער טאָכטער און שוועסטער
נ"ע היינדע
און דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל.
מאַנטשע שעפטעל און **פאמיליע.**

עולם השקר...

קליינער פעליעטאָן.

כ'געדענק נישט געגוי, ווי אַזוי מיין שכן גרונם פלטיאל איז בעת זיינס אַ געשפרעך מיט מיר אַרויפגעקומען אויף דער טעמאָ וועגען עולם השקר און עולם האמת. דערביי האט ער נישט נעקאַרגט קיין ביטערע ווערטער אויף דעם עולם השקר, אין וועלכען מיר לעבען, וואו אַלץ איז פאַלש און פערדאָרבען, קיינער זאגט נישט דאס, וואס ער טראַכט, אַזוי, אַז דו ווייסט קיינמאָל נישט ווער ס'איז דיין גוטער פריינד און ווער דיין שונא.

אָט צום ביישפּיעל די דיפלאָמאַטיע. איז דען דאס נישט דער אמת'ער שקר, האט דען איינער פון די דאָזיגע דיפלאָמאַטען שוין אַמאָל געזאגט איין וואָרט אַזוי ווי ער טראַכט? אָט, למשל, נעמט דעם רשע און צורר היהודים היטלער ימח שמו, וועלכער וויל דוקא אָנצינדען אַ פייער פון אַ וועלט-מלחמה און פונדעסטוועגען, אַז ס'איז געקומען צו רייד מיט אויסלענדישע דיפלאָמאַטען, האט פון זיין פיסק געטריפט שמן-זית: שלום, שלום און נאָר שלום איז זיין בעגעהר.

אָדער נעמט אפילו רוסלאַנד — דאס לאַנד, וואס אנערקענט נאָר די דיקטאַטור פון פּראָלעטאריאט און וויל עוקר מן השורש זיין די קאַפּיטאַליסטישע וועלט. און דאָך, בעת דער פערטרעטער פון דער ענגלישער אימפּעריע איז געקומען קיין מאָסקווא, האט מען געזינגען אין דער אָפּערע „גאָט, שיץ דעם קעניג"! קען דען נאָך זיין אַ גרעסערער שקר?

דאַן די גאַנצע וועלט אויף אַלע געביעטען און אַלע הינזיכטען, וועט איהר אויף שריט און טריט נאָר בעגעגענען פאַלשקייט, בעטריג, לעבען און אָבנאַרעריי.

— אַזוי איז עס, מיין ליעבער שכן — האָב איך איהם בערוהיגט — און גוט איז אַזוי, וואס אונזער וועלט איז פאַלש — דאס איז נאָך דאס איינציגע גליק, וואָרום אַנדערש וואָלט נישט געווען מעגליך אפילו איין טאָג אַדורכצולעבען. מיט'ן אמת וועסטו, ברודערקע, פערלוירען געהן און אויב דו וועסט זיך אפילו יאָ נאָך דערהאלטען, וועסטו ווערען אויסגעלאַכט פון מענשען און פערשריגען אלס אידיאָט און בהמה.

אדרבה — זאָג איך איהם ווייטער — זאָל מען מאכען אזא פּרובע, וועט איהר זיך אליין איבערצייגען, אז לעבען זאָל דער שקר, וועלכער איז דער איינציגער אינהאלט — דער אימפּולס פון אונזער דאַ-זיין.

ווי וואלט די וועלט אויסגעזעהן, ווען ס'זאָל הערשען אויף איהר בלויז אמת און דאס אפילו נאָר איין-איינציגען טאָג, ממילא וואָלט דאָך אויך היטלער געזאָגט אמת און זיין רעדע וואָלט דאמאָלס געקלינגען אומגעפעהר אַזוי: רבותי, מיין הארץ דורשט נאָך נקמה, איך האָב אַלע פעלקער, וואס זענען נאָר נישט קיין דייטשען, פיינט שנאת-המות, און אַז מיר וועלען נאָר קאָנען, וועלען מיר זיך אין אייך נוקם ונוטר זיין. מיר ווילען צוריק אַלע אַוועקגענומענע קאָלאָניעס, ווייטער פּאָמערן, אויבערשלעזיען, דאנציג, מעמעל א. ז. וו. און מיר ווילען נאָך פערנעמען אוקראַינאַ, פּוילען, האַלב-רוסלאַנד, עלזאַס-לאָטרינגען און דערצו נאָך אַ האַלבע וועלט. אָט, ווען ער רעדט אַזאַ אמת, וואָלט דען נישט באַלד אויסגעבראָכען אַ נייע וועלט-מלחמה?

ווען ליטווינאָוו זאָל זאגען וואס ער טראַכט, לויט זיין פּריגציפּיעלען שטאַנדפּונקט, וואָלט ער אנשטאט האַלטען אַ טאָאַסט לכבוד דעם ענגלישען קעניג, געזאגט דעם אמת, אַז ער וויל איינפיהרען אין ענגלאַנד אַ סאָוויעטען-מאַכט און אַז מלכים — דאס איז אַ פערשימעלט איבערבלייבעכץ פון די אַלטע צייטען. וואָסערען איינדרוק דאס וואָלט געמאַכט און וואָסערע קאָנסעקווענצען דאס וואָלט געבראַכט, לאָז איך שוין איבער פאַר אייך...

ווען ענגלאַנד זאָל זאגען דעם גאַנצען אמת, וואס זי טראַכט וועגען דעם ארץ-ישראל-מאַנדאַט און וועגען דער באַלפור - דעקלאַראַציע — אַז פאַקטיש מיינט זי נישט די טובה פון יודישען פאָלק נאָר די אייגענע טובה און אַז זי וועט האַנדלען אַזוי ווי עס דיקטירען איהר די מלוכה-אינטערעסען, וועלכע — אויב זיי וועלען הייסען, וועט זי אינגאַנצען פערמאַכען די ארץ-ישראל-טויערען פאַר'ן יודישען פאָלק — פערשטעהט איהר דאָך, ווי אַזוי מיר וואָלטען דאמאָלס אויסגעזעהן מיט אונזער האָפנונג און אידעאַלען בנוגע ארץ-ישראל.

ווען די ציוניסטען וואָלטען געזאָגט דעם אמת וועגען די סערטיפיקאַטען, וואָלטען זיי קיין 10 פּראָצענט מיטגלידער אויך נישט געהאט, ווייל די קאַנדידאַטען אויף עולים וואָלטען דאָך פון פריהער געוואוסט, אַז זיי וועלען נישט די זכייה האָבען צו זעהען קיין סערטיפיקאַטען פאַר די אויגען.

ווען דו וואָלסט געזאָגט דעם אמת דיין ווייב, וואס דו טראַכסט וועגען איהר, וואָלט נישט פאָרגעקומען איין מאָל אין דער וואָך קיין מחלוקה, נאָר אַ גאַנצע וואָך וואָלט געהערשט דאס אמת'ע גיהנום.

ווען שדכנים וואָלטען געזאָגט דעם אמת, טאָ וואס פאַר אַ שידוך וואָלט אין לעבען דען אויפגעפיהרט געוואָרען און ווען מען זאָל אומגעהן מיט'ן אמת, צי וואָלט דען דאס וואָרט פריינט נישט אויסגעמעקט געוואָרען פון לעקסיקאָן?

ניין, מיין פריינד, מען טאָר דעם אמת נישט זאָגען, ווייל נישט פערהאַן אויף דער וועלט אַזאַ אומגליק, וואס קאָן נאָך זיין ערגער ווי דער אמת. אדרבה פּרובט נאָר צו זאָגען דעם אמת, דאַן איז אויס פּאַרטייען, אויס געזעלשאַפטען, אויס גוטע פריינד, אויס שלום-בית, אויס רעדאַקציעס, מיט איין וואָרט — די גאַנצע וועלט וואָלט אין איין טאָג חרוב ומוחרב געוואָרען.

עפּיס אַ גליק איז געשעהן, וואס ס'האט זיך געטראָפען אַ נס, וואס הייסט שקר און אַ דאַנק דעם עקזיסטירט נאָך אַ וועלט.

נישט בחנם זאגט מען: עולם השקר און עולם האמת. דאס מיינט צו זאָגען, אַז אויף דער וועלט, וואו ס'זענען פערהאַנען לעבעדיגע בּרואים, מוז זיין שקר, ווייל אַנדערש וואָלט קיין לעבען נישט געווען. דאַגעגען אויף יענער וועלט קאָן זיין אמת, ווייל דאָרט זענען פערהאַנען מתים, דארפען זיי נישט, נויטיגען זיי זיך נישט אין קיין שקר, קאָנען זיי אויסקומען מיט'ן אמת. נישט בחנם געפינען זיך אין וואָרט „אמת" די צוויי אותיות „מת", אויף דער זיניגער וועלט אָבער טאָר נישט זיין קיין אמת, ווייל אַנדערש וואָלטען מיר אַלע דאָ אויך געווען מתים.

— — —

מיין שכן גרונם פלטיאל האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און מודה געווען, אַז איך האָב רעכט, אָבער פאָרט האָט ער נישט געקאָנט שלום מאַכען מיט'ן געראַנק און אַרויסלויפענדיג פון מיר האָט ער געקריצט מיט די צייהן און מיט אַ גרילץ האָט זיך פון זיין מויל אַרויסגעריסען דאס באַנאַלע וואָרט: עולם-השקר.

סמאַל

משה אש

די ערשטע חדרים, ישיבות און מלמדים אין טשענסטאכאו.

— 11. —

חוה"מ פסח תרנ"ז (1897) איז אברהם מארקוספעלד פלוצלינג געשטארבען, נישט בעוויזענדיג אויסצופיהרען זיין רצון צו שאפען א בנין פאר דער ת"ת און האנדווערקער-שולע.

אין טאג פון דער קבורה האבען זיינע קינדער הענריק און יוזעף מארקוספעלד, א חוץ פערשידענע גרעסערע נדבות אויף וואהלטעטיגע צוועקען, זיך אויך פערפליכטעט ממלא צו זיין דעם ווילען פון זייער פאטער און אויפצושטעלען פאר זייער געלד דעם גאנצען בנין, וואס זאל גערופען ווערען אויפ'ן נאמען פון זייערע פערשטארבענע עלטערן—אברהם און אסתר מארקוספעלד.

גלייך נאך דער שבעה האט הענריק מארקוספעלד געקויפט דאס שכנות'דיגע הויז פון דער ת"ת אויף דער נאדזשעטשנע גאס פאר דריי טויזענד רובל, בכדי דער בנין זאל האבען מעהר פלאץ און י"א אב דאס זעלבע יאהר איז געלעגט געווארען דער גרונדשטיין צו דעם בוי.

גראד צו דער זעלבער צייט האבען בעזוכט אונזער שטאדט די ברידער גינזבערג פון בערלין, אינהאבער פון דער זאוויערטשער פאבריק, וועלכע זענען געקומען אויף קבר אבות צו זייער פערשטארבענעם פאטער מאיר גינזבערג, געוועזענער לאנגיעהריגער היגער כלל-טהוער און נדבן. אויך דאס הויז פון דער תלמוד-תורה און פלאץ, אויף וועלכען עס האט געזאלט אויפגעשטעלט ווערען די האנדווערקער-שולע, זענען געוועזען א נדבה פון זעלבען מאיר גינזבערג. די ברידער גינזבערג, געוואויר ווערענדיג, אז אויף דעם פלאץ פון זייער פאטער זאל אויפגעבויט ווערען א הויז לתורה ולמלאכה, האבען זיך פערפליכטעט צו געבען אלע זעמטליכע מאשינען און מכשירים, וואס וועלען נויטיג זיין אין דער שלאסער-אבטיילונג.

אין יאהר תרנ"ח (1898) איז דער בנין פערענדיגט געווארען און כ' כסלו איז פארגעקומען מיט גרויס פאראד דער חנוכת-הבית. צו דער ערעפנונג פון דער שולע, אין וועלכער עס האבען אנטיילגענומען עטליכע הונדערט פערזאן, איז אויך געקומען א גרעסערע צאהל דעלעגאטען פון דער פרעמד, צווישען וועלכע עס זענען געוועזען: נחום סאקאלאוו, מ. סרעבני, דירעקטאר פון דער ווארשאווער האנדווערקער-שולע, מאיערסאן און בעריל פון פאריז, דעלעגאטען פון דער יק"א, גינזבערג—בערלין א. א. וו. נחום סאקאלאוו האט אין עטליכע טעג שפעטער אין א גרויסען מאמר אין דער „הצפירה" (נר. 62, יאהר 1898) געואנט שבחים די היגע כלל-טהוער בכלל און די ברידער מארקוספעלד בפרט פאר'ן שאפען אזא וויכטיגע אינסטיטוציע אין אונזער שטאדט און גלייכצייטיג גע'מוסר'ט אלע אנדערע כלל-טהוער, דאס זיי זאלען זיך אבלערנען פון זייערע טשענסטאכאווער חברים.

די שבחים זענען נישט געווען איבערגעטריבען; די האנדווערקער-שולע איז געווען די ערשטע דריי-שטאקיגע געביידע אין טשענסטאכאו.

עטליכע טעג נאכ'ן חנוכת הבית איז געעפענט געווארען די שלאסער-אבטיילונג, וואו עס זענען אנגענומען געווארען 40 שילער. אלס שלאסער-מייסטער איז אנגאזשירט געווארען ה' אקרענט. אויך די תלמוד-תורה איז איבערגעטראגען געווארען אין א נייעם לאקאל, וואס איז צו דעם צוועק אויפגעשטעלט געווארען און אויפ'ן ארט פון פערשטארבענעם לעהרער דוד באדער איז בעשטימט געווארען יוסף ברוך ווארמונד, וועלכער האט מיט די קינדער געלערנט, אחוץ למודי קודש, אויך די העבראאישע שפראך.

די פערוואלטונג פון דער תלמוד-תורה און האנדווערקער-שולע, זעהענדיג די נויטיגקייט פון א ספעציעלען מנהל פאר דער שולע, האט צו דעם צוועק אראבגעברענגט פון ווארשא דעם לעהרער פון די דארטיגע שולען ישעי' יעבק.

די געזעלשאפט יק"א האט זיך מתחייב געווען צו קומען צו הילף דער היגער האנדווערקער-שולע מיט א סובסידיום פון דריי טויזענד רובל יעהרליך במשך פון 9 יאהר.

נאכדעם ווי די פראגע פון א תלמוד תורה און א האנדווערקער-שולע איז געוועזען ערלעדיגט, האבען די היגע כלל-טהוער אנגעהויבען צו פיהרען אן אקציע, צו פערשאפען בעשעפטיגונג פאר יודישע ארבייטער אין יודישע פאבריקען. בכדי אבער זיי צוצוגרייטען צו דער ארבייט, איז בעשלאסען געווארען צו גרינדען אין דער האנדווערקער-שולע אן אבטיילונג א. נ. „בית עבודה", וואו יעדער יוד, וואס וועט נאר וועלען, זאל בעקומען ארבייט פאר א לוין פון 30 קאפיקעס טעגליך; דאגעגען יעדער יודישער פאבריקאנט, וואס וועט זיך נויטיגען אין ארבייטס-קרעפטען, זאל זיין מחויב זיך צו ווענדען צו „בית עבודה", וואו ער וועט בעקומען די געווינשטע ארבייטער.

צו דעם צוועק איז געשאפען געווארען א חברה אונטער'ן זעלבען נאמען „בית עבודה", וועלכע האט געצעהלט עטליכע הונדערט מיטגלידער מיט א מיטגליעדס-בייטראג פון נישט-וועניגער און נישט-מעהר ווי צוויי רובל יעהרליך. עס איז געוועהלט געווארען א קאמיטעט פון 12 פערזאן, וועלכע זאלען זיך מיט'ן דערמאנטען ענין פערנעמען – אין פאלגענדען צוזאמענשטעל: הרב נחום אש, ראשי - הקהלה: לעאפאלד קאהן, מארקוס העניג און הערמאן גינסבערג, הענריק מארקוספעלד, לעאפאלד ווערדע, משה ראובן טענדלער, ד"ר שפיגעל, דניאל בעהם, אדאלף אדערפעלד, סטאניסלאוו וויינבערג און יעקב ראטשילד. דער פלאן האט זיך אבער ארויסגעוויזען אלס אונאויספיהרבאר, דען דער לאקאל איז געוועזען צו-קליין אויף צו בעשעפטיגען א סך מענשען און א ספעציעלער בנין האט געברויכט צו קאסטען א סך געלד. דאך האט דער קאמיטעט געפיהרט א פראפאגאנדע צווישען די פאבריקאנטען און עס איז געלונגען א גרויסע צאהל ארבייטער צו בעשעפטיגען אין די יודישע פאבריקען. א שבח מוז מען זאגען דעם ה' סטאניסלאוו וויינבערג, פערוואלטונגס מיטגליד אין „בית עבודה", דאס ער איז געוועזען דער ערשטער פאבריקאנט, וואס האט ארייגענומען יודישע ארבייטער אין זיין פאבריק.

א חוץ דעם האט דער קאמיטעט פון „בית עבודה" געשיקט אויף זיינע הוצאות א געוויסע צאהל ארבייטער נאך ווארשא, ביאליסטאק, לאדז א. א., בכדי זיך דארט אויסצולערנען פערשידענע מלאכות. עטליכע פון די דאזיגע ארבייטער זענען היינט זעלבסשטענדיגע פאבריקאנטען.

בירגער-רעכט און האנדעל-רעכט

פון לעא קעניג.

אויב עמיצער האט נאך געדארפט א בעוויז, אז דער נאצישער אנטיסעמיטיזם איז בלויז געמיינע בארבארישע דעמאגאגיע, מיט וועלכער זיי מיינען צו פערשטעלען פון די דייטשע מאסען און פון דער וועלט בכלל זייער יונקערישען שאוויניזם, קען ער דעם בעסטען בעוויז האבען פון דעם פאקט, ווי אזוי היטלער און זיין רעגירונג בעציהען זיך צו די יודישע יוגענד-ארגאניזאציעס, וועלכע האבען זיך אין די לעצטע פאר שרעקליכע יאהר געשאפען אין דייטשלאנד.

דער היטלעריזם האט מיט א יראת-שמים מינע געטענה'ט, אז די דייטשע יודען זענען בלויז דאקטוירים, אדוואקאטען, ארטיסטען און סוחרים, סוחרים און סוחרים, ד. ה. אז זיי בעלאנגען נישט צו די באזישע פראדוקטיווע שיכטען פון דער דייטשער געזעלשאפט, נאר צו די אזוי-גערופענע פאראזיטישע קלאסען.

די וועלט און די יודען בתוכם (מיר מעגען זיך אליין אמאל אויך מאכען א קאמפלימענט), האבען נישט געקענט פערמאכען די אויגען און דערזעהען דאס ביסעל „אמת", וואס איז געווען אין דער טענה, כאטש מיר האבען אלע געוואוסט, אז דער איצטיגער עקאנאמישער צושטאנד פון די יודישע מאסען אין דייטשלאנד און אלע לענדער איז א פראדוקט פון היסטארישע און עקאנאמישע בעדינגונגען, וועלכע זענען אויף אונז ארויפגעצוואונגען געווארען ס'רוב פון דרויסען. אבער פונדעסטוועגען האט דאס מאדערנע יודענטום נישט פערמאכט די אויגען פון פאקטישען אמת, און דעם בעסטען ענטפער, וואס יודען האבען געגעבען און געקענט געבען דעם היטלעריזם איז די איצטיגע מעכטיגע בעוועגונג צווישען יודען איבעראל און בכלל צו קאלאניזאציע און פראדוקטיוויזאציע.

און מיר מוזען צוגעבען, אז דאס שווער געפרובטע דייטשע יודענטום האט אין אלגעמיין א גלענצענדען קאנסטרוקטיווען און טאקטישען ענטפער געגעבען דעם היטלעריזם.

אנשטאט די פראטעסטען און באיקאטען האבען זיי זיך אין זייער יוגענד גענומען עקאנאמיש און אידעאיש איבערבויען: יודישע יוגענד-ארגאניזאציעס זענען דארט געשאפען מיט אייגענע פאך-שולען און פארמעס, וואס זייער אויפגאבע איז צו בילדען פראדוקטיווע ארבייטענדיגע יודישע בירגער.

א רעוואלוציע איז פארגעקומען אינ'ם יודישען לעבען אין דייטשלאנד און אין אנדערע לענדער; יודישע עלטערן ווילען שוין נישט זייערע קינדער זאלען ווערען דאקטוירים און „גרויסע לייט" נאר איינפאכע געזונטע ערד-ארבייטער און הארעפאשניקעס.

ווי אזוי-זשע רעאגירט דער היטלעריזם אויף אט דער קאנסטרוקטיווער אינערליכער איבערבויאונג פון דעם דייטשען יודענטום? מיינט איהר, אז זיי פרעהען זיך דערמיט? מיינט איהר אפילו, אז זיי טייטלען איצט אויף די יודישע אגריקולטור-און פאך-שולען אין דייטשלאנד און זאגען: איהר זעהט, די יודען האבען איינגעזעהן, אז אונזער קריטיק איז געווען א גערעכטע און זיי טהוען איצט תשובה?

ווי „נישט נאבעל" עס וואלט געווען אזא טענה, וואלט מען זי נאך געקענט פערדייען, אבער היטלער און זיינע אדיוטאנטען פרעהען זיך גארנישט מיט די נייע יודישע יוגענד-ארגאניזאציעס אין דייטשלאנד און מיט זייערע נייע קאנסטרוקטיווע אידעאלען. פערקעהרט, דאס שמעקט זיי גארנישט, 'איהר ווילט זיך לערנען פארמעריי און פאכען, דאס קענען גאר טהון די פון אייך, וועלכע ווילען פאהרען קיין פאלעסטינא; אבער ביי אונז אין דייטשלאנד דארפען מיר נישט אזעלכע פשוט'ע און הארעפאשנע יודען; דאס ביסעל יודען, וואס מיר האבען און דארפען זענען יודען סוחרים, הענדלער. מיר זאלען זיי קענען פערפאלגען; מיר וועלען זיי אפילו אין א נויט לאזען פריי האנדלען, מאכען געשעפט, אבי מיר זאלען קענען שרייען און ווייזען דער וועלט, אז יודען זענען פאראזיטען, אז יודען ארבייטען נישט.

האט מען נאך געדארפט האבען א בעסערן בעוויז, אז דער נאצישער אנטיסעמיטיזם איז נאר א ווילדער קאמופלאזש און בלאף צו פערדעקען זייערע כוונות און ציעלען פון זייערע אייגענע מאסען און פון דער וועלט בכלל?

ערד-ארבייטער צי אנדערע בעלי-מלאכות קענט איהר זיין אין פאלעסטינא, ביי אונז אין דייטשלאנד דארפען מיר העכסטענס האבען יודישע פינאנסיסטען, יודישע הענדלער; זיי קומען דאך אין א נויט צונוץ. און דער עיקר מען קען שלאגען פון זיי דעמאגאגישען קאפיטאל. הכלל, עס איז שוין אן'אלטער אמת: ווען ס'זענען נישטא קיין יודען און קיין יודען-פראגען אויף דער וועלט, וואלטען די פינסטערע אנטיסעמיטען זיי אויסגעקלערט.

———

עס האט זיך געלוינט אבצושטעלען אויף אט דעם נייעם בעוויז, ווי היפאקריטיש געמיין דער נאצישער אנטיסעמיטיזם איז, נאר צוליעב פראקטישע און טאקטישע טעמים, אזוי צו זאגען;

עס האבען זיך לעצטענס גענומען הערען אפיציעלע און האלב-אפיציעלע שטימען פון דייטשלאנד, וועלכע לאזען דער וועלט וויסען, אז יודען איז דארטען שוין יאקבי נישט אזוי שלעכט, אז מען לאזט זיי האנדלען פריי און אז. וו.

אויך דער זעהר איינפלוסרייכער (און מעסיגער) ד"ר שאכט האט זיך אין דעם זין לעצטענס אויסגעדריקט, אבגערעדט דערפון, אז די גאנצע מעשה איז נישט אמת, אז יודען ווערט אין דייטשלאנד נאך אלץ נישט בעסער, זענען אבער די שטימען זעהר כאראקטעריסטיש און סיפטאמאטיש און דארפען אונז יודען איבעראל דיענען אלס שרעקליכע ווארנונג.

עס קאן זיין, אז די נאציס געהען איצט ארויסלאזען די שרעקליכסטע גזרה אויף יודען; זיי געהען איבערהזרן די גזרה פונם מיטלאלטער, אז יודען מעגען זיך נאר בעשעפטיגען מיט געלד, און מיט האנדעל, לאזען נאר די אויסלענדישע יודען זיי אויפהערען באיקאטירען, וועלען זיי לאזען זייערע געבליבענע יודען מאכען געשעפטען, פריי האנדלען.

דאס האט געהאט דער פינסטערער מיטעלאלטער צו יודען: נישט צוגעלאזט זיי צו קיין פראדוקטיווע פאכ'ן, נישט געגעבען זיי קיין פאליטישע בירגער-רעכט, נאר ערלויבט זיי צו האנדלען מיט געלד,,, און דערנאך געשריגען, אז יודען זענען בלויז פראצענטניקעס.

אבער די היינטיגע בעוואוסטזיניגע יודישע מאסען וועלען זיך שוין נישט לאזען אפנארען, און זיי וועלען נישט פערקויפען זייערע פאליטישע אין און בירגער-רעכט אפילו פאר א טאפ געלד נישט.

ווייל מיר וויסען שוין צו גוט, אז מיט דעם רעכט צו האנדלען און וואנדלען פאשען זיי נאר א שעור לעזאזל.

וואס געהערט, וואס געזעהן.

מיט גרויס ענערגיע.

די קהלה-לייטונג, וויסענדיג, אז היי-יאהר וועט פון איין זייט זיין שווער איינצוזאמלען די נויטיגע סומע קמחא און פון דער צווייטער זייט – אז עס וועט נויטיג זיין צו געבען שטיצע א גרעסערע צאהל נצרכים, איז ענערגיש צוגעטרעטען צו דער היי-יעהריגער קמחא-אקציע.

קודם כל האט זי ארגאניזירט די קמחא-זאמלונג מיט עטליכע וואכען פריהער. דאן האט זי ארויסגעשיקט אויפרופען כמעט צו דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג, און אויב דאס איז געווען נאך ווייניג, האט זי ארייגעשיקט א גרויסע צאהל אויפרופען אין אלע יודישע רעדאקציעס, כדי בעת זיי וועלען צושיקען די צייטונגען צו די לעזער, זאל בייגעלעגט ווערען דער אויפרוף, און נישט בלויז אין די טשענסטאכאווער, נאר אויך צו די ווארשאווער צייטונגען, וואס ווערען פערקויפט אין טשענסטאכאו.

ווי אזוי די יודישע בעפעלקערונג וועט זיך אברופען אויף די אויפרופען, איז נישט בעוואוסט, כאטש ס'וואלט געווען א גרויסע עולה, ווען יעדער יוד, וועלכער קאן נאר זיך ערלויבען, זאל נישט געבען דעם מאקסימום, ווייל טויזענדער יודען אין אונזער שטאדט מוזען בעקומען קמחא, אויב זיי ווילען פסח כאטש האבען דאס נויטיגסטע.

גלויבט מיר זיכער, אז די קהלה-לייט איז אויך נישט מקנא צו זיין. פרובירט נאר ארויפצוקומען אין דער קהלה פאר פסח – אזוי פעהלט א גאנץ יאהר אויך נישט – איז אויבען אזא הארמידער, אז מען קאן טויב ווערען. בעקער, מצה-רייבעכץ-פערקויפער, מעהלער, און די פילאנטראפישע כלל-טהוער מיט זייערע ליסטעס. – הכלל, א מארק, א יריד, א סומאטאכע, און אלץ מוז מען ערלעדיגען, יעדען מוז מען צופרידענשטעלען.

עס איז נישט קיין לייכטע זאך זיך צו פערנעמען מיט קהל'שע ענינים און צו פיהרען א פסח-אקציע, איבערהויפט אין דער איצטיגער צייט, ווען דאס ארימקייט איז אזוי גרויס און מען מוז פערזארגען: דעם „בית-לחם", „תומכי עניים", ארימע האנדווערקער, קליינהענדלער, ארבייטער - ארגאניזאציעס, חלוצים, גערטנער-פערמע, סאלדאטען-קוך, ארעסטאנטען, און גלאט כלל-טהוער, וועלכע נעמען פאר זייערע ארימע בכבודיגע און לסוף ערשט די פראפעסיאנעלע קמחא נעמער.

ווי אזוי אונזערע קהלה-לייט וועלען זיך אנ'עצה געבען, איז שווער פאראויסצוזעהן; איין זאך מוז מען אבער אנערקענען, אז צו דער קמחא-אקציע האבען זיי זיך היי-יאהר גענומען בעצייטענס און דערצו מיט גרויס ענערגיע.

נוצט נאר היימישע מצות.

די דאזיגע פראגע האט מיך שטענדיג געארט. אט פיהרט די היגע קהלה א פסח-אקציע, וואו פון יעדען קילא מצות נעמט זי א געוויסע סומע, כדי צו קאנען געבען קמחא די ארימע, טא ווי קאן מען אין אזא צייט זיך ברענגען מצות פון דער פרעמד. אמת, די פרעמדע מצות קאסטען אפשר מיט א פאר גראשען ביליגער פון די היגע מצות. אבער קודם כל זענען זיי דיקער און דאן, זייט וויסען, אז מען גזל'ט דאדורך אוועק דעם ביסען פון ארימאנ'ס מויל, און ווי זאגט דער פסוק: עניי עירך קודמין...

היי-יאהר טראכט די קהלה צוזאמען מיט'ן בעקער-צעך צו בעשטייערען די פרעמדע מצות, כדי דערמיט צו שטערען דאס אהערברענגען פון דאזיגען לחם-עוני. אבער לויט אונזער מיינונג דארף עס זיין א מאראלישער חוב פון דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג צו קויפען נאר טשענסטאכאווער מצות, ווארום פערגעסט נישט, אז אויסער דעם אויבענדערמאנטען מאטיוו, מוז מען נאך אין זינען האבען דאס ביי די מצות זענען בעשעפטיגט הונדערטער היגע יודישע ארבייטער, וועלכע קוקען אויס א גאנצען ווינטער אויפ'ן דאזיגען פערדינסטל.

געדענקט דעריבער, טשענסטאכאווער יודען, אז מצות אויף דעם היינטיגען פסח זאלט איהר נאר קויפען ביי די היגע בעקער און דערמיט וועט איהר א גרויסע טובה טהון אייערע היימישע ברידער.

די לאזונג דארף דעריבער זיין: נוצט נאר היימישע מצות!

א ריכטיגער משפט...

יענע וואך איז דאס געווען. א יוד איז געשטארבען אויף דער באהן און מען האט איהם אוועקגעלייגט אין מתים-שטיבעל פון שטאדטישען שפיטאל. איז ארויפגעקומען דער „אויטאבוס-דירעקטאר" א. ב. אבערמאן אין ראבינאט אריין מיט דער בקשה, אז מען זאל איהם בעשטימען אלס שומר ביים בר-מינן. דערווייל איז געקומען צו לויפען דער „באהן-זאוויאדאווצע" וואלוועלע פאנקאווסקי, אז מען זאל איהם שיקען פאר א שומר, מחמת ער איז דער פאסיגסטער קאנדידאט.

איהר פערשטעהט דאך, אז ס'איז געווען א שווערע פראגע צו לעזען. ביז ס'איז אריינגעקומען דער ה' מענדיל אש, פאר וועלכען די צוויי חברה-לייט האבען פארגעלייגט זייערע טענות און פערלאנגט ארויסצוגעבען א פסק. ה' מענדיל אש האט תיכף ארויסגעגעבען אנ'אורטייל, אז אלס שומר דארף בעשטימט ווערען וועלוועל און דאס צוליעב פאלגענדען מאטיוו: וואלט דער בר-מינן געשטארבען אין אנ'אויטאבוס, וואלט די שמירה געהערט צום „אויטאבוס-דירעקטאר" אבערמאן, היות אבער דאס אומגליק האט פאסירט אין דער באהן, געהער דער געשטארבענער צום „באהן-זאוויאדאווצע" וועלוועלע.

אויסהערענדיג דעם פסק, האבען די בעלי-דינים אנערקענט, אז עס איז א ריכטיגער משפט... מען קאן זאגען – שלמה המלך'ס משפט...

זיי קויפען ביליג קויהלען...

מיר האבען שוין מיט א צייט צוריק אויפמערקזאם געמאכט דערויף, וואס מענשען קויפען קויהלען ביי די פורמאנעס, אין דער צייט, ווען אין די סקלאדעס, פון וועלכע ס'רוב אייגענטימער זענען יודען, קאסט דער זעלבער פרייז און די קויהלען זענען א סך בע-

פ. בלומענקראנץ.

טעאטער=נאטיצען.

שטאָדטיש קאמעראַל - טעאטער. „דער בלומען-וועג״, קאמעדיע אין 4 אקטען פון וו. קאטאַיעוו. רעזשי: א. גאַל.

מיר האבען מיט אינטערעס ערוואַרט די פרעמיערע פון דער דאָזיגער קאָמעדיע. מיר האבען געוואלט עטוואס געוואויר ווערען פון די סצענע-ברעטער אַראָב וועגען דעם לעבען און קאַמף אינ׳ם לאַנד, וואו ס׳ווערען אָדורכגעפיהרט גיגאַנטישע עקספערימענטען. מיר האבען געוואלט זעהען אַן׳אָבשניט פון דאָזיגען לעבען, באַדיי דורכ׳ן פריזמאַט פון אַ סוביעקטיוועז שרייבער.

מיר האבען געמיינט, אז אויב דער מחבר וועט שילדערן די אונטערגעהענדע קלאַס אָדער די נאָכלויפער, וועלען עס זיין טיפען בולט׳ע, קלאָרע. ס׳זענען דאָך פערהאַנען סאָוויעטישע שרייבער, וואס שילדערן די דאָזיגע אונטערגעהענדע קלאַס מיט פערשטענדניש און אפילו מיטלייד (פאַר וועלכען זיי בעקומען פּאָרוואורפען).

אָבער קאטאַיעוו ווייזט אונז נישט קיין שום קאָנקרעטע לעבעדיגע טיפען פּראָ אדער אָנטי קאמוניסטישע. דער אַקס, ארום וועלכען די אָקציע דרעהט זיך, איז עפּיס אַ פּרעלעגענט זאַוויאַלאוו, (אגב נישט אינגאַנצען רעאַל געמאָלט), וועלכער אפּערירענדיג מיט פראַזען וועגען דעם צוקונפטס-מענש, ניטשע׳ס איבערמענש און ענליכע „געדאַנקען״, פערדרעהט ער די מיידלעך מיט די ווייבלעך די קעפּ.

צוקוקענדיג זיך צום דאָזיגען געשילדערטען טיפּ, דערמאָנט מען זיך די ווערטער פון רוסישען קריטיקער ל. לעווין וועגען קאַטאַיעוו׳ן.

לעווין, רעדענדיג וועגען קאַטאַיעוו׳ס בעקאַנט ווערק „צייט פאָראויס״ דריקט ער זיך אויס, אַז „קאַטאַיעוו בויט שטענדיג די מענשליכע געשטאַלט לויט אַן׳ אויסערליכער קליינינגקייט, וועלכער האט מעהרסטענטייל קיין ווערט נישט״. לעווין ציטירט די מיינונג פון אַ צווייטען קריטיקער שאגיניאן וועגען דעם זעלבען ווערק. דער לעצטער האַלט, אַז קאַטאַיעוו האט אין דאָזיגען ראָמאַן („צייט פאָראויס״) געגעבען אַן׳אויפבוי-עפּיזאָד, וואס איז אין ווידערשפּרוך מיט דער ווירקליכקייט פון דער בויאונג.

אָט די דאָזיגע מיינונגען שווימען אויך אויף, זעהענדיג די דאָזיגע קאָמעדיע. דער מחבר פיהרט אונזער מאָדנעם העלד דורך פיער אקטען, ביז... ער כאַפּט אַ מיאוס׳ע מפלה פון אַ יודיש ווייבעל, גאָסגאָלדער...

אַ פּראָפּאָ יודישקייט.

אַז אַנטיסעמיטישע שרייבער מוזען אריינבראַקען אַ יוד, אויב ס׳געהט נור אין געלד — איז פערשטענדליך: זיי מוזען האבען כאָטש קליינע „שיילאָקלעך״. אָבער אַז אַ סאָוו. שרייבער מוז אנקומען צו דער רעצעפּט, איז אַביסעל מאָדנע און רופט אַרויס אַ בייגעשמאַק.

דער גאַנצער דריטער אקט שמעקט מיט ביליגע „געלד-עפעקטען״. גאָסגאָלדער קומט פון גאַס און ענטציקט זיך מיט סטאַניסלאַווסקי׳ס טעאַטער. ער רעדט וועגען קונסט, וועגען אַקטיאָרען, ביז דאס ווייב רייסט איהם איבער און איז איהם מודיע, אַז זי פאָהרט אוועק מיט איהר געליעבטען זאַוויאַלאוו. גאָסגאָלדער איז פערצווייפעלט, נור פערפאַלען: מ׳מוז שלום מאכען מיט׳ן גורל. אָבער פּלוצים — אַ געשעהעניש: גאָסגאָלדער וויל אָנטהון דעם ווייב דאס פוטער און זאַוויאַלאוו דערלאָזט נישט, ווארום ער וויל נישט מיטנעמען די זאָכען, וואס דערמאנען דעם עבר. סוף כל סוף קומען זיי אָדורך און זאַוויאַלאוו בעצאַהלט פאַר׳ן מלבוש געגען ווילען פון בעל-בית.

אָבער אַזוי ווי גאָסגאָלדער דערזעהט, אַז ער גיט איהם נור 450 רובל, בעשטעהט ער נישט (דאס פוטער קאָסט 860 רובל) און ווי פון דער הויט ארויס מאַכט זיך אַ דינגעניש, אַ רייסעניש, אַ מיאוס׳ער האַנדעל און אַ קריגעריי. מ׳וויל אָבשאַצען דאס פוטער לויט׳ן פרייז פון זאַפּאַלקעס, לויט׳ן פרייז פון אייער... אַהין און אַהער ביז מ׳צעקריגט זיך און זאַוויאַלאָוו ענטלויפט...

בקיצור, וואס איז דאָ אַ סך צו רעדען! דער גאַנצער דריטער אָקט איז זעהר אַנ׳איבערגעטריבענער און שמעקט מיט העסליכער געלד - גייציגקייט, וואס מוז צוריסטופען אונזער ווידערווילען.

בכלל ווערען נישט אין דער דאָזיגער קאָמעדיע פאָרגעשטעלט קיין פּאָזיטיווע אָדער נעגאַטיווע טיפען פונ׳ם קאָמוניסטישען רעזשים (אויסער די מוטער פון דער קאָמסאָמאָלקע טאַניא). זאַוויאַלאוו גופא שטעלט נישט פאָר מיט זיך קיין קלאַסען פיינדליכען טיפּ, ער נעגירט נישט דעם קאָמוניזם. ער איז אַ טיפּ פון אַ הויכשטאַפּלער, פון אַ פּלאַכען קאַריעריסט, וועלכען מ׳קען טרעפען אין אַלע הונדערט און זיבענאונצוואַנציג מדינות פון הודו ביז כוש...

* * *

נו, איצט כאָטש אַ פּאָר ווערטער וועגען די שפּיעלער.

די ראָל פון זאַוויאַלאָוו, וועלכען מיר האבען שוין פריהער עטליכע מאָל דערמאנט, שפּיעלט בראָדזשיקאָווסקי. ער שפּיעלט זי סאָליד און אין לעצטען אָקט אפילו איבערצייגענד. (צוריקגערעדט איז פשוט שווער צו פערלאַנגען פון אַנ׳אַקטיאָר, וואס שפּיעלט יעדע צוויי וואָכען אין אַנ׳אַנדערע זאַך און עפ״י רוב געגענזעצטע ראָלען, אז ער זאָל זיין בכח צו פערטיעפען און פערטראַכטען זיך).

טאָקאַרסקי האט אויך דאסמאל ארויסגעריקט זיך אויפ׳ן ערשטען אָרט. ער איז בלי-ספק איינער פון די בעגאָבטעסטע פון איצטיגען אַנסאָמבל. ער בעזיצט מאָס און ס׳געלונגט איהם אַרויסצוקריכען פון דער פריהערדיגער ראָל (אַנ׳ענין, וואס דאָרף נישט גרינגעשעצט ווערען).

פון די פרויען האט אונז אימפּאָנירט לאַפּושאַנסקאַ. דאס דאָזיגע יונגע מיידעל איז געווען אויסגעצייכנט אין דער ראָל פון טאַניאַ׳ס באָבע. די דאָזיגע כאַראַקטער-ראָל, וואס דאַרף טאַקט און פערשטענדניש איז אָהערגעגעבען געוואָרען דורך לאַפּושאַנסקאַ׳ן ערשטקלאַסיג.

אויך די איבריגע פרויען האבען געשפּיעלט צופרידענשטעלענד (ראָדאַ האט געקאָנט אויסמיידען די איבערגעטריבענקייט) בעזונדערס האבען געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט: טאַרנאַוסקאַ, גאַל, סטעמפּניובנאַ און שערסקאַ-מאַרטיקאַווא.

וואס איז שייך דער לעצטער, ווייזט זי זיך ערשט דאס ערשטע מאָל אויף דער איצטיגער סצענע און ס׳איז שווער וועגען איהר זיך אַרויסצוזאָגען.

ס׳זענען ביי איהר אין אמת בעמערקבאַר בעדייטענדע פעהיגקייטען, און די סצענע, בעת זי ווערט געוואויר וועגען דער פאַבריק-קאָנטראָל איז דורך איהר געשפּיעלט געוואָרען שטאַרק און איבערצייגענד. אָבער אין געוויסע מאָמענטען פאַלט זי אַריין אין אַ דעקלאַמאַטאָרישען טאָן און ס׳פיהלט זיך דאס געקינצעלטקייט, בפרט אין די ראָמאַנטישע מאָמענטען, ביי וועלכע אַ סך אַקטיאָרען, נישט בעזונדערס פעהיגע, ווערען געשטרויכעלט מיט באַנאַליטעט.

* * *

וואס איז דער סך-הכל פונ׳ם געזאָגטען?

די גערעדטע קאָמעדיע וועט וואַרשיינליך נישט האבען דעם ערוואַרטעטען ערפאָלג. ביים ליבעראַלען און אַרבייטס-עולם, אויף וועלכען מ׳דאַרף זיך אין איצטיגען פאַל שטיצען, וועט די קאָמעדיע נישט אויסנעמען. זאַוויאַלאוס און דערצו דורכשניטליכע, פּלאַכע הויכשטאַפּלער, ווייבער-יעגער, דאַרף מען נישט זוכען אין קיין סאָוויעטישע קאָמעדיעס און אין דאָרטיגען לעבען. מיר האבען זיי שוין גענוג געזעהען און מיר בעגעגענען זיך מיט זיי—נישט צו פערזינדיגען זיך—דריי מאָל אין טאָג...

מסחרים אמאָל און היינט.

פון ז. האבער, ווינן.

ווער ס׳האָט געהאַט די מעגליכקייט אין די לעצטע יאָהרען זיך צוצוקוקען צו גרויסע ירידים, ווי למשל, לייפּציג און וויען וכדומה און ווער ס׳האָט זיך אַביסעל אָבגעגעבען מיט ווירטשאַפטליכע ענינים ווי זיי קומען פאָר אין דער גאַנצער וועלט, דער האָט געקענט זעהען אַ מערקווירדיג בילד פון היינטיגע מסחרים.

לאַנגזאַם הערט אויף דער גאַנצער פרייער האַנדעל, בעזונדערס אין אויסלאַנד, און די רעגירונגען כמעט פון אַלע לענדער האָבען אריינגענומען אין זייערע הענד נישט נאָר דעם אריינפיהר פון סחורות פון דער פרעמד, נאָר אויך דעם גאַנצען אַרויספיהר פון זייערע סחורות אין פרעמדע מדינות.

ווי אַזוי האָט זיך איבערהויפּט ענטוויקעלט דער מסחר?

אין די גאַנץ אַלטע צייטען, ווען די בעגריפען פון האַנדעל זענען נאָך געווען אינגאַנצען אונבעקאַנט, האט דער פּויער פונ׳ם לאַנד, למשל, ארויסגעפיהרט זיינע פעלד-פּראָדוקטען און האָט זיי פערביטען פאַר יענע ארטיקלען אין וועלכע ער האט זיך גענויטיגט. פאַר אַ שטיקעל לייוונט, פאַר אַ שטיק לעדער, פאַר אַ בעט אָדער אַ באַנק וכדומה. אזוי ארום זענען אויך דער שוסטער און דער טישלער געקומען צו ערד-פּראָדוקטען, האָבען זייערע ארבייטען געביטען פאַר אַ ביסעל ווייץ, פאַר אַ קוה, וכדומה זאַכען, וואָס זיי האָבען בענויטיגט צום לעבען.

דערנאָך איז מען איבערגעגאַנגען צום געלד-סיסטעם און האַנדעל. דער פּויער האט פערקויפט פאַר געלד וועמען ער האט געוואָלט און האָט זיך דערנאָך געקויפט וואָס זיין האַרץ האָט געגלוסט, ביי וועמען ער האט געוואָלט. ער האָט נישט מעהר געמוזט קויפען ביי דעם שניידער, וואס האט גראַד געברויכט זיין ביסעל תבואה, נאָר ביי דעם וואָס האָט איהם פערקויפט בעסער און בילינגער. דאָס זעלבע האָט אויך געטהון דער האַנדווערקער. ער האָט פערקויפט זיינע ארבייטען דעם, וואָס האָט זיי דרינגענדער בענויטיגט און בעסער בעצאָהלט.

אַזוי אַרום האָט זיך ענטוויקעלט דער „פרייער האַנדעלס - פערקעהר״, וואָס האָט אויסערדעם געבראַכט דערצו, אַז יעדער האָט זיך בעמיהט צו ברענגען אַלץ שענערע און בעסערע זאַכען, בכדי צו קענען שנעלער מאַכען דאָס געשעפט.

ערשט אין די לעצטע יאָהרען האָט אויפגעהערט בנוגע דעם מסחר צווישען איין לאַנד און דעם אַנדערען דער גאַנצער האַנדעלס-פערקעהר. דער קויפער און דער פערקויפער זענען נישט מעהר די ערצייגערס און די פערברויכערס, נאָר די רעגירונגען אליין.

אמת, די רעגירונגען קויפען נישט אויף אייגענעם חשבון, זיי בעדינען זיך מיט סוחרים און מוכרים, אָבער זיי שליסען אָב „האַנדעלס-אָבמאַכען״, אין וועלכע ס׳זאָגט זיך גאַנץ גענוי וויפיעל מ׳קויפט און מ׳פערקויפט פון יעדען מין בעזונדער, צומייסט אויך צו וועלכען פרייז. דערנאָך גיט מען די אָבמאַכען צו די פירמעס, וועלכע זיי האַלטען פאַר ראוי. און חוץ דעם קען מען נישט אריינפיהרען אָדער ארויספיהרען אפילו נישט קיין שפּילקעקעפּיל.

אַזוי ווערט אינגאַנצען אָבגעשאַפט נישט נור דער פרייער מסחר, נאָר ס׳הערט אויף די אַמביציע צו שאַפען עפּיס נייעס. דער ערצייגער פערלירט דעם חשק צו מאַכען בעזונדערע זאַכען, ווייל ער ווייסט דאָך, אַז ער קען זיי סיי-ווי נישט פערקויפען אויפ׳ן פרייען מאַרק.

די האַנדעלס-אָבמאַכען הרג׳ען אוועק דעם גאַנצען שעפּפערישען גייסט, די גאַנצע פרייד צו נייער אַרבייט און ברענגען צו מסחרים, וועלכע זענען נאָך ערגער ווי אין דער אַלטער צייט.

פריהער האָט יעדער געקענט בייטען זיין סחורה נאָך זיין בעגעהר, ער האט געקענט האַנדלען ווי ער האט געוואָלט. היינט בייט מען אויך די סחורות, אָבער נישט ווי מ׳וויל אַליין, נאָר ווי ס׳ווערט אייגעאָרדענט פון יענע רעגירונגס-ערטער, וואָס האָבען צו וואכען אַז די סוחרים און מוכרים פון ביידע לענדער, זאָלען איינהאַלטען זייערע אָבמאַכען.

סער.

איצט דערצעהלען מיר אַזעלכע קויפערס, אַז זיי האָבען בעמערקט דאָס מען גיט זיי אַ שלעכטע וואָג. דהיינו, אַז ווען זיי קויפען ביי די פּויערים, טהוען יענע אונבעמערקט אַ שטיפּ די וואָג, אַזוי אַז עס וועגט זיך אַן מיט עטליכע קילאָ ווייניגער.

אַ סך פאַלען זענען געווען אַזעלכע, אַזוי אַז עס קומט אויס, דאס ווען מען קויפט אפילו מיט אַ פּאָר גראָשען ביליגער, פעהלט אויף דער וואָג קויהלען און ס׳מאַכט אויס טייערער.

דעריבער דאַרף מען, לויט אונזער מיינונג, קויפען נאָר אין די סקלאַדעס און ווען עמיצער קויפט שוין יאָ ביי די פוהרלעך, זאָל ער זיין פאָרזיכטיג מיט דער וואָג, און זאָל זיך איהם נישט אויסדראַכטען, אַז ער קויפט ביליג קויהלען...

אַ זינגענדיגע וואָך...

האָבען מיר דאס די לעצטע וואָך געהאט אַ ביסעל זינגערס.

קודם כל יעמוד ר׳ מאַקס לעוו, אַ זינגערל, וועלכער האט זיך אָנגעזעצט אויף זאַקאָפּאַנע און קריניצע, און ווען דער עולם קומט דאָרט אַהין מארבע פנות הפוילען זיך אָברוהען, איז דאַ מאַקס לעוו, וועלכער אָרדענט איין קאָנצערטען. היות אָבער ווי איצט איז קיינער אין זאַקאָפּאַנע, ווי אויך אין קריניצע נישטאָ, איז ער געקומען אַביסעל קיין טשענסטאָכאָוו און ער טראָגט ארום זיינע קאָנצערטען — אויב מען קאָן אַזוי זאָגען — אין די הייזער, ווי למשל, אין די גימנאַזיעס, אין פערשידענע יוגענד-אָרגאַניזאַציעס און וואו עס לאָזט זיך נאָר. ווערט ער געוואויר, אַז די יודענשטאָטלער מאַכען אַ גלעזיל טהעע, איז ער דאָ זינגען, אין זש. ט. ק. — זינגען. און פון דעם אַלעם, דאַכט זיך, האט ער בלויז זמירות און נישט קיין לאָקשען...

דאן האָבען מיר געהאַט נאָך אַ זינגער — קראַנעלי, וועלכער האט באמת אַ שעהן שטימעלע, נאָר האט אָבער נישט קיין הצלחה, ווארום ווען מען ליגען אין זינען יודישע פאָלקס-לידער און ווער וויל זיי האָבען...

און איצט אחרון אחרון חביב. יעמוד ר׳ יוסף שמידט, דער וועלט-זינגער, וועלכער האט אַ גאַנצע וואָך יעדען אָוונד געזונגען אין „עדען. אמת, ער איז נישט געווען פּערזענליך, נאָר אין אַ פילם, אָבער זיין שטימע איז צוקערזיס און הונדערטער קינאָ-בעזוכער האָבען זיך געקויקט מיט זיין הערליכער טויזענד-יודישען-חנעוודיגער שטימע.

מיט איין וואָרט — זינגערס עליך, טשענסטאָכאָוו. מיר האָבען געהאַט אַ זינגענדיגע וואָך...

פּאָמעראַנצען...

זינט מיר האָבען אין פוילען בעקומען די ביליגע פּאָמעראַנצען זענען שוין אָנגעשריבען געוואָרען וועגען די דאָזיגע פרות גאַנצע צייטונגען. פעליעטאָניסטען האָבען געהאט גאַנץ פיינע טעמעס פאַר זייערע פעליעטאָנען און זאָגאַר פּובליציסטען האָבען אין זייערע ארטיקלען אויפגעהויבען אַליאַרם וועגען דעם אונרעכט, וואס מען בעגעהט געגען דער בעפעלקערונג אודות פּאָמעראַנצען... אויך אונז איז אויסגעקומען עטליכע מאָל אויסצונוצען אַלס אַ טעמאַ דער פּאָמעראַנצען-פּראָדוקט.

איצט שווימט ווידער אַרויף די פּאָמעראַנצען-פּראַגע און נעמליך: די סוחרים בעקלאָגען זיך, אַז מען האט פערוועהרט זיי צו ברענגען פּאָמעראַנצען, פונדעסטוועגען איז עפּיס דאָך אָנגעקומען איינער צו צוויי וואַגאָנען פּאָמעראַנצען, כלומרשט אויפ׳ן נאָמען פון אַ קליינהענדלער-אָרגאַניזאַציע און בעקומען האָבען געזאָלט פּאָמעראַנצען צו פערקויפען נאָר די יעניגע, וועלכע זענען מיטגלידער פון דעם אָדער נישט פון אַנ׳אַנדערען פעראיין.

קורץ, עפּיס אַ גאַנצע חתונה, נאָר ווייסט איהר וואס — איך וועל בעסער וועגען דעם נישט שרייבען, ווייל ווער קאָן זיך אָריענטירען וואס פאַרע הינטער קוליסען-שפּיעל דאַ קומט פאָר ביי די פּאָמעראַנצען...

והוי דן את כל האדם לכף זכות...

איז דער טייטש, אַז דו זאָלסט קיינמאָל נישט משפּט׳ן אַ מענשען צום שלעכטען: זאָגען, אַז ער איז שלעכט, פערדאָרבען, נייִן, ברודער, יעדער מענש איז גוט, איידעל, אלא וואָס דען — די אומשטענדען צווינגען איהם אַזוי אָדער אַנדערש צו האַנדלען.

עס קומען צו אונז די „גוט-שבת-יודעלעך״ און דערצעהלען, למשל, אַז אַ היגער גביר אויף דער פּילסודסקי גאַס, וועלכער האט זיך לעצטענס געקויפט אַ גרויס הויז נעביך, גיט ער, פונדעסטוועגען די „גוט-שבת-יודעלעך״ אַ נדבה, וואָס בעשטעהט פון אַ היהנערן איי; מעהר קאָן ער נישט געבען. אויך דעמזעלבענס אַ שווער, וועלכער וואוינט אין יענער געגענד און איז אויך אַ יוד אַ מטופל מיט אַ גרויס פערמעגען, גיט 5 דעקאַ ברויט און 5 דעקאַ חלה, כאָטש אַנ׳אַרבייט האט ער דערביי, ווייל ער מוז די דאָזיגע פּאָרציע יעדע וואָך אָנוועגען, קען דאָך חס-וחלילה טרעפען, אַז די שבת-מתנה קען זיין אַ גרעסערע...

קומען זיי די גוט-שבת יודעלעך און האָבען תרעומות, הלמאי אַזעלכע גבירים גיבען אַזאַ נישטיגע פּשוט אַ חוזק-נדבה. זאָג איך, אַז מען דאַרף זיי די דערמאָנטע גבירים נישט משפּט׳ן צום שלעכטען, נאָר דן זיין לכף זכות, און אָט צוליעב וואָס:

ערשטענס, זענען פערהאַנען מענשען, וואס קאָנען נישט געבען, פּשוט — זיי האָבען נישט קיין שליטה איבער זייער פערמעגען; נישט זיי אַליין האָבען דערפון אַ הנאה און אויך אַנדערע האָבען נישט קיין הנאה. צווייטענס, טאָרען זיי דאָך גאָרנישט אַוועקגעבען, ווארום, אַז זיי וועלען אַוועקגעבען, וועלען זיי זיך דאָך נישט קאָנען קויפען קיין הייזער, און דאַמאָלס? אָה, זעהט איהר שוין, אַז איך האָב רעכט, און דעריבער, אויב ס׳וועלען זיך טרעפען אַזעלכע (כ׳האָב זיך שיעור נישט אַרויסגעכאַפּט מיט׳ן וואָרט פּאַסקודניאַקעס), וואס קאָנען נישט אָדער ווילען נישט געבען, זאָלט איהר זיי דן זיין לכף זכות...

אַרויס פון דער מאָדע ...

דער לעצטער באַל פון היירינגען סעזאָן האָבען געמאַכט די מאָדיסטקעס ד.ה. אַז געמאַכט האָבען עס דער קירזשנער-צעך, וואס נעמט ארום די קירזשנער, היטעל-מאַכער און אויך די מאָדיסטקעס.

כאָטש מאָריסטקעס האט מען אויף דעם באַל זעהר ווייניג געזעהן, ווארום וויפיעל זיי זאָלען נישט יאָגען זיך נאָך דער מאָדע, איז ביי זיי אַזעלכע בעלער נישט מאָדערנע און זענען געבליבען אינדערהיים. נאָר היות ווי דער צעך נעמט ארום דריי פאַכען אין דערצו זענען נאָך געקומען פערבעטענע געסט, צווישען וועלכע ס׳האָבען זיך שטאַרק אָנגעזעהן די פריזירער, איז נאָך געווען צו דערליידען נאָר די גרויסע צאָהל מאָדיסטקעס זענען נישט געקומען האַלטענדיג, אַז די דאָזיגע בעלער זענען שוין אַרויס פון דער מאָדע...

זיי האָבען איהם געמאַכט דעם אמת׳ן „פרימאַ אַפּריליס״.

דורך אַנ׳אונשולדיגען וויץ האָבען זיי שיעור אַ מענשען אומגליקליך געמאַכט.

פערגאַנגענעם מאָנטאָג איז דאָס געווען. באַלד אינדערפריה האט עמיצער זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט, אַז מען האט דעם און דעם, אַ געוויסען געזעלשאַפטליכען טהוער אַרעסטירט.

די דאָזיגע ידיעה האָט זיך באַלד צעטראָגען איבער דער שטאָדט און אַסך האָבען געבראָכען מיט די הענט און זיך געפרעגט: פאַר וואָס? פאַר ווען? און באַלד האָט זיך אָנגעהויבען אַ געקלינגעריי אין די טעלעפאָנען, און איינער דעם צווייטען האט אָנגעפרעגט מכח די דאָזיגע נייעס.

ווען דערזעלבער כלל-טהוער איז אַרויס אין גאַס, האָט מען איהם אָנגעהויבען צו פרעגען, פאַר וואָס ער איז געווען אַרעסטירט, יענער האט אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגען און נישט געוואוסט, וואָס מען וויל פון איהם האָבען. ערשט דאַמאָלס האָבען זיי זיך געכאַפּט, אַז דאָס איז נאָר געווען אַבייזער פּרימאַ אַפּריליס וויץ.

לויתן

די דאָנערשטאָג׳דיגע זיצונג פון שטאָדט=ראַט.

די וואהלען פון א פרעזידענט און וויצע - פרעזי-
דענט נישט צושטאנד געקומען. — אויסגעוועהלט
5 לאווניקעס.—אומגעריכטע העץ-רעדע געגען יודען.

נאָך די ערשטע 2 זיצונגען פון שטאָדט-ראט, אויף וועלכע די וואהלען פון א שטאָדט - פערוואלטונג האבען נישט געבראַכט קיין רעזולטאט, האט מען גערעכענט, אז אויף דער דאָנערשטאג׳דיגער — דער דריטער לויט דער רייה — זיצונג וועט שוין זיכער דאס פרעזידיום אויסגעוועהלט ווערען. מען האט שוין פריהער זאָגאר אָנגעַרופען דעם נאָמען פון עווענטועלען פרעזידענט און וויצע, אָבער פון דעם איז דערנאָך גאָרנישט געוואָרען.

אין דער אנוועזענהייט פון אלע 48 ראטמענער עפענט די זיצונג 9 אזייגער אין אָוועַנד פרעזידענט מאַצקעוויטש, וועלכער נאָכ׳ן ערלעדיגען פערשידענע קלענערע ענינים לעגט פאָר אלס פאַרזיצער פון דער דאָזיגער וואהל - פערזאמלונג דעם ד״ר מיקולסקי. דער לעצטער פערבעט דאן אלס סעסאָרען די ראטמענער קאנוס (פ.פ.ס.) און אדוו. קולעי (נ. ד.).

ס׳הויבען זיך אָן די וואהלען פון פרעזידענט.

אין נאָמען פון די ב.ב. לעגט דיר. זביערסקי פאָר די קאנדידאטור פון יעצטיגען פרעזידענט ה׳ מאַצקעוויטש און אין נאָמען פון די נ. ד. ווערט פאָרגעלעגט די קאנדידאטור פון אדוו. זאוואדזקי. צו די אייגענטליכע וואה-לען אויף פרעזידענט איז אָבער נישט געקומען, ווייל פרעז. מאצקעוויטש האט אין לעצטען מאָמענט נישט מסכים געווען ארויסצושטעלען זיין קאנדידא-טור און דאן האט אויך ראטמאן זאָ-רזשעצקי (נ. ד.) צוריקגעצויגען די קאנדידאטור פון אדוו. זאוואדזקי.

דער שטאָדט-ראט טרעט דאן צו צו די וואהלען פון א וויצע - פרעזי-דענט. ס׳ווערען ארויסגעשטעלט צוויי קאנדידאטען: מצד די פ. פ. ס. — ראטמאן דזיובא און מצד די נ. ד. פיאָטר קאָזערסקי.

אין דער ערשטער אָבשטימונג האט פתאָם. דזיובא בעקומען 20 שטימען (די פ. פ. ס. און יודען) און ה׳ קאָ-זערסקי 13 שטימען, ביי 15 ווייסע צעטלען. צוליעב דעם אָבער וואס קיין איינער פון די קאנדידאטען האט נישט בעקומען די נויטיגע צאָהל פון 25 שטימען, קומט פאָר אנ׳ענגערע אָבשטימונג, בעת וועלכער פאו׳ פראפ. דזיובא זענען ווידער געפאלען די זעל-בע 20 שטימען.

דאן קומען פאָר וואהלען אויף לאווניקעס, וועלכע האבען געגעבען פאָל-גענדען רעזולטאט:

ליסטע נר. 1 (ב. ב.) האט בעקו-מען 15 שטימען און 2 מאנדאטען — סטעפאן יאזשעמבינסקי און סטאניסלאוו שאָסטעק; ליסטע נר. 2 (פ. פ. ס.) — 11 שטימען און 1 מאנדאט — ראט-מאן קאזשימיערטשיק; ליסטע נר. 3 (נ. ד. 13 שטימען און 1 מאנדאט — יאן פיאָנטקאָווסקי; ליסטע נר. 4 (יו-דען) 8 שטימען און 1 מאנדאט — פע-ליקס שפּירא. צווישען די דאזיגע 8 שטימען זענען געווען 7 יודישע און איינע פון פ. פ. ס. פרעזעס ראזענ-בערג האט צוליב סיבות וועגען וועל-כע ס׳וועט נאָך אויסקומען ברייטער צו רעדען — נישט געשטימט אויף ה׳ שפּיראָ׳ס קאנדידאטור.

איין וואהל-צעטיל איז געווען א פוסטער.

נאָכ׳ן אויסשעפּען דעם טאָג-אָרדנונג איז אומגעריכט פאָרגעקומען אויף דער זעלבער זיצונג אנ׳ענדעקישער ארויס-טריט געגען יודען. געשעהן איז דאס אין צוזאמענהאנג מיט ראטמאן קא-זשימיערטשאק׳ס פאָרשלאג, אז דער שטאָדט-ראט זאל אינטערווענירען ביי דער געהעריגער מאכט בנוגע דעם איטאליענישען שטרייק, וועלכער קומט פאָר שוין זייט 3 וואָכען אין קאהנ׳ס פאפּיערניע. דער ענדעקישער ראטמאן גלינסקי כאפט זיך אָן אין דאָזיגען ענין און האלט דערביי א גיפטיגע רעדע, אין וועלכער ער זאָגט, אז די יודען, די „פרעמדע ראסע“, עקספּלו-אָטירט דעם פוילישען ארבעטער א. אז. וו.

ד״ר מיקולסקי שליסט אָבער תיכף די זיצונג און אלע ראטמענער פערלאָ-זען דעם זאל.

צוליעב דעם, וואָס אלע 3 זיצונגען האבען נישט דערפיהרט צו קיין גע-העריגען רעזולטאט, וועט געוויס נאָ-מ׳נירט ווערען א צייטווייליגער פּרע-זידענט אויף איין יאָהר.

רעפאָרמען אין דער נייער סינאגאָגע.

די פערוואלטונג פון דער נייער סי-נאגאגע בעשעפטיגט זיך שוין זייט א פאָר חדשים מיט דער פראָגע פון סאַנירען דעם שלעכטען פינאַנציעלען מצב פון דער שוהל און זי שטעלען אין ווירטשאַפטליכער און אָרגאניזאַצ-יאָנעלער בעציהונג אויף דער געהערי-גער הויך. צוליב דעם האָט די פער-וואלטונג מיט דער הסכמה פון די גרינדער פון דער שוהל, אָדער זייערע יורשים, אויסגעארבייט א נייעם סטאָטוט וועלכער וועט די סינאַגאָגע געבען די געהעריגע אָרגאניזאָציאָנעלע יסודות.

ביי דער אויסאָרבייטונג פונ׳ם סטאָטוט האָבען זיך בעטייליגט די אדוואָקאָטען: קאָנארסקי, קרויסקאָפף און ד. מאָרקאָ-וויטש. און עס קומט זיי אַ יישר כח פאָר דער אָפּפערוויליגער אָרבייט, וועלכע זיי האָבען אויסגעפיהרט.

אין ווירטשאָפטליכער בעציהונג איז בעשלאָסען געוואָרען: 1) די מיטגלי-דער אָבצאָהלען מוזען ווערען איינגע צאָהלט יעדען חדש, ווייל דער ביז-איצטיגער מנהג צו צאָהלען דעם ביי-טראָג ערשט פאָר ימים נוראים איז שעדליך. 2) פאָר די ימים נוראים וועט מען מיטגלידר קיין שטעדט נישט פערדינגען. 3) די בעאַמטע פון דער שוהל איז נישט ערלויבט צו נעמען וועלכע עס איז נדבות און נדרים. פאָר אָבריכטען פון רעליגעזע פייערן ווי בר-מצות, הזכרות, אל מלא רחמים פאָר פערשטאָרבענע מיטגלידער א.א.וו. אין דער שוהל. אלע נדרים מוזען איינגעצאָהלט ווערען אין דער קאָסע פון דער סינאָגאָגע. 4) ימים-טובים וועט מען אין שוהל נאָר די דאזיגע אריינלאָזען, וועלכע וועלען האבען איינגעצאָלט זייער חדש אָבצאָהל.

פון דער יודענשטאַטס-פּארטיי.

הייט פרייטאָג 9 אָוועַנד קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאל אלגע 8 אַ גרוי-סער דיסקוסיאָנס-אָוועַנד מיט דער בע-טייליגונג פון פאָרשטעהער פון דער רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאָציע א.ד.ט. „מיר און דער רעוויזיאָניזם“.

שבת 9 אָוועַנד קומט פאָר אַ פייער-ליכער באַנקעט צוליב דעם אָבפאָהר אויף פסח נאָך ארץ-ישראל פון דעם פּרעזעס ח׳ אליהו איצקאָוויץ.

געזעגנונגס - אָוועַנד ביי „בנות-אגודת-ישראל“.

פערג. שבת-צו-נאַכטס איז ביי „בנות אגודת ישראל פאָרגעקומען אַ געזעג-נונגס-אָוועַנד לכבוד דעם אָבפאָהר נאָך ארץ-ישראל פון חברה רחל ווײַנבערג.

צו דער פייערונג זענען געקומען די פערוואלטונגס-מיטגלידער פון „בית-יעקב“ ווי אויך דער פרויען-קאָמיטעט.

עס זענען געהאַלטען געוואָרען מעה-רערע געזעגנונגס-רעדעס דורך די איינ-געלאָדענע געסט, ווי אויך דורך די חברות פון דער אָבפאָהרענדער. אַ רע-פעראָט א. ד. ט. „ארץ-ישראל אָמאל און היינט“ האָט געהאלטען די לעה-רערין פון „בית-יעקב“-שולע פרוי וואַ-סערצוג.

נאָכדעם, ווי די פאָרזיצערין פון „בנות-אגודת-ישראל“ פרל. געליבטער דאָנקט אלע אנוועזענדע, האט דער עולם פערברענגט נאָך עטליכע שעה ביי שעהן-סערווירטע טישען.

אויפגעליפערט אַ שמוגלער פון דייטשלאַנד.

דער וויעלונער פּאָליציי איז געוואָ-רען אויסגעליפערט פון דייטשלאַנד אַ בעקאַנטער שמוגלער, וועלכער האט איינגעקויפט סחורות מיט׳ן צוועק זיי אריבערצושמוגלען קיין פוילען און בעצאָהלט מיט פאַלשע זלאָטי מטבעות אויף אַ סומע פון 110 זל.

אלגעמיינע פערזאַמלונג פון „מכבי“

מאָנטאג דעם 8 אפריל ד. י. 7 א זייגער אָוועַנד אין ערשטען טערמין און 8 א זייגער אָוועַנד אין 2-טען טערמין קומט פאָר אין אייגענעם לאָ-קאל די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמ-לונג פון י. ט. ס. פ. מכבי דער טאג-ארדנונג פון דער אלג. פערזאמ-לונג זעהט צוו. א. פאר פאלגענדע פונקטען: 1) טעטיגקייטס-בעריכטען 2) וואהלען פון נייע פערוואלטונגס ארגאנען 3) דאס פייערן די 20-יעה-ריגע עקזיסטענץ פון פעראיין.

פון ברית הצה״ר.

שבת, דעם 6-טען ד. ח., האלב 8 אָוועַנד קומט-פאָר אין אייגענעם לאָ-קאָל, אלטע וואלנאָשטשי 3.5 די יעהר-ליכע אָלגעמיינע פערזאָמלונג פון ברית-הצה״ר, ניִשט קוקענדיג דערויף, וואָס מיט איי׳ניגע חדשים צוריק איז ערשט פאָרגעקומען אַזאַ פערזאָמלונג.

די היינטיגע אָלגעמיינע פערזאָמלונג קומט-פאָר לויט׳ן בעשלוס פון צענטראָל-קאָמיטעט אַדורכצופיהרען אַזעלכע פער-זאָמלונגען אין משך פון חודש אפריל אין גאַנצען לאָנד.

פון בע״ם.

פוריגען שבת אָוועַנד איז פאָרגעקו-מען די אָלגעמיינע פערזאָמלונג פון בע״ם.

די פערזאָמלונג עפענט דער יו״ר ל. קאָפּינסקי, וועלכער לאדענט-איין אָלס פאָרזיצער דעם ח׳ צבי שילדהויז, סעקרעטאָר ח׳ ל. רוזאָק. דעם בע-ריכט פון דער ביז-איצטיגער טעטיג-קייט גיט אָב ח׳ עזריאל יאָקובאָוויטש. פון בעריכט ווייזט זיך ארויס, אז די רעוויזיאָניסטישע אָרגאָניזאָציע בע״ם, וועלכע איז ערשט געשאָפען געוואָרען מיט איי׳ניגע חדשים צוריק, ענטוויקעלט זיך שעהן און צעהלט שוין ביז 40 חברים-ות, דאָרס רוב אָרבייטענדע יו-גענד. עס ווערט געפיהרט אָנ׳אינטענ-סיווע טעטינקייט. אָזוי קומען-פאָר קול-טורעלע אספות, רעפעראָטען, שיחות, ווי אויך העבּרעאישע לעקציעס. אָ חוץ דעם איז געשאָפען געוואָרען אָ פּרעלע-גענטען-סעקציע און לעצטענס ווערען אויך געמאָכט צוגרייטונגען צו שאָפען אָ העברעאישע סטודיע. דעם קאָסע-בעריכט גיט אָב ח׳ י. שילדהויז.

עס ענטוויקעלט זיך דאן אָ דיסקוסיע איבער די בעריכטען, אין וועלכער עס נעמען אָנטייל מעהרערע חברים.

נאָכ׳ן אריינטראָגען אָ רייהע פאָרשלאָ-גען ווערט אויסגעוועהלט אָ ועד פון די חברים: ל. קאָפּינסקי, ע. יאָקובאָ-וויטש, א. לענטשנער צ. פאָטאָשעוויטש און בלימה יאָקובאָוויטש. פערטרעטער: ד. שילדהויז, י. שילדהויז.

שבת דעם 6-טען האלב 3 נאָכמיטאג קומט-פאָר א שיחה איבער אַקטועלע טעמען.

אלע חברים פון בע״ם ווערען אויפ-געפאָדערט צו קומען אויף דער אלגע-מיינער פערזאָמלונג פון ברית הצה״ר שבת אָוועַנד.

בעגנב׳עט די וואוינונג פון אדוו. קאָנאַרסקי.

דינסטאג אָרום האלב 9 אָוועַנד האָ-בען זיך אונבעקאָנטע גנבים אריינבע-קומען אין דער וואוינונג פון אָדוו. מ. קאָנארסקי (אלגע 24) און, טראָצדעם, וואס אלע שטוב-מענשען זענען געווען אין דערהיים, האבען זיי פון קאָרידאָר צוגעגנב׳עט א פוטער און צוויי מענער-פּאַלטענס.

די שטייערן-קאָמערען וועלען אליין אויסבעסערען שטייערן-טעותים.

דאס פינאָנץ-מיניסטעריום האט פעסט-געשטעלט די פּראָצעדור פון פעררעכטען פעהלערען, וועלכע זענען געמאָכט גע-וואָרען סיי אין גאַנג פון אויסמעסטען די שטייערן, סיי אין די ביכער פון די פינאָנץ-קאָמערען. די דאָזיגע פעהלערען וועלען פעררעכט ווערען אין מאָמענט, ווען די שטייער-מאָכט וועט פעסטשטע-לען, אַז ס׳איז פאָרגעקומען אַ פאל פון דאָפּעלטען בעשטייערען א שטייער-צאָהלער, אָדער ווען ס׳וועט פעסטגע-שטעלט ווערען, אַז ס׳זענען פאָרגעקומען טעותים אין חשבון. די דאָזיגע טעותים וועלען דורך דער שטייער-מאָכט פער-ריכט ווערען אפילו אין פאל, אַז דער שטייער-צאָהלער האט וועגען דעם נישט אָנגענומען א רעקורס.

אזהרה מהבי״ד״צ דפה

און צוזאמענהאַנג מיט׳ן נאָהענטען פסח, מאַכט דער ראָבינאט בעקאנט פאָל-גענדעס: 1) יעדער מצה אדער צוקער-בעקער, וועלכער שטעהט אונטער השגחת הבי״ד״צ, איז פערזעהען מיט אָ געהעריגען הכשר פון ראבינאט. דע-ריבער דארף יעדער ביים קויפען מצות אדער צוקער-געבעקס זיך הייסען פארשטעלען דעם הכשר. קיין אנדערע מצות אדער צוקער-געבעקס טאָר נישט גענוצט ווערען אויף פסח.

2) מצה רייבעכץ קען גענוצט ווערען נאר אזעלכעס, וואס איז געבּ-ראכט געווארען אין א ספעציעלען וואָגאן פון וולאצלאוועק אויס אונטער דער השגחה פון דארטיגען ראבינאט. אלע זעק פון דערמאָנטען וואגאן זענען פערזעהען מיט דער חתימה פון היגען ראבינאט. אויף יעדער אנדער מצה-רייבעכץ איז פארהאן א חשש-חמץ.

דאסגלייכען דארפען אָלע אנדערע יו״ט-פראדוקטען, ווי קארטאפעל-מעהל, זאלץ, צוקער, מארגארינע, אייל א. ז. וו. זיין פערזעהען מיט א הכשר פון היגען ראבינאט.

ויאכלו ענוים וישבעו.

הרב ובד״צ דפה

דער פסח קומט אָן!

דעריבער דארף יעדער וויסען, אז
ריינע מאנדעל=מאַקאראָנען, מאנדעל=טאָרטען, צוקער=קוכען אייער=
מצות, זעמטליכע צוקער=ווארען ווי אויך וואַרשעווער שאָקאָלאדען
איז נאָר צו בעקומען ביי די לאַנג-עקזיסטירענדע פירמא

חיים קאַלקאַ, אָגראָדאָווע 6.

בעמערקונג: איך נעם אויך אָן צו באַקען אַלערלײ צוקער געבעקס אויף פסח

בעקאַנטמאַכונג.

איך האָב דעם כבוד מודיע צו זיין דעם פובליקום, אז כ׳האָב אראָבגעבראַכט מאַרצאָווע ביער
piwo marcowe firmy „Korona“
וועלכעס איך פערקויף אַ געוויסע צייט צו ביליגע פרייזען.
פאר פערוויילונגען און פריוואַט-פערזאָנען ספּעציעלע פרייזען. איך נעם אָן בעשטעלונגען טעלעפאָניש אויף יעדען פערלאַנגטען סכום מיט אָבשטעלען אַהיים.
אַכטונג: פאר מבינים און דאמען רעקאָמענדיר איך אויסגעצייכנעטס זיס „סלאָדאָווע“ ביער
„SŁODOWE SŁODKIE“.
איך עמפּפעהל זיך דעם ג׳ פובליקום מיט אכטונג
Sz. Fiszhalter, Warszawska 21
telefon 10-43.

אַ קראַנקער מאָגען

איז אָפט גורם פערשידענע קראַנקהייטען.
ZIOŁA z GÓR HARCU Dra LAUERA
איז א גוט מיטעל צום רעגולירען דעם מאָגען. זיי בעזייטיגען אבסטרוקציע, זענען א מילד, נאטירליך דורכרייניגונגס-מיטעל זיי בעזייטיגען די פוילונגס-עלעמענטען, וועלכע פער׳סמ׳ען דעם קערפער
ZIOŁA z GÓR HARCU D-ra LAUERA
ווערען אויך גערן געברויכט דורך קראנקע ביי לעבער-ליידען נירען, גאל-שטיינער און מערידען.

אַכטונג ג. קונדשאַפט!

שוין פון זונטאָג, ד. 7 קוויעטשען ווערט אָנגענומען
הויז=באַק אויף צוקער-געבעקס כשר לפסח צו קאָנקורענץ=פרייזען.
אויך איז צו בעקומען אלערליי געבעקס אויף פסח ווי אויך טשאָלענטער ביי
מ. שליווקאָ, בערקאַ יאָסעלעוויטשאָ 7
פריהער; אָגראָדאָווא 8. געדענקט די אָדרעס!

איבערראַשענדע נייעס פאָר די טשענסטאָכאָווער בעל=הבית׳טעס
אויב איהר ווילט האבען דעם אמת׳ן עונג=יום=טוב אויף פסח?
וועט היי-יאָהר די לאַנג - יעהריגע פירמע פון
י. באָזשיקאָווסקי, ווארשאָווער גאס 9
זיין פער-זעהן מיט מאַקאַראָנען פון ריין-געשייל-טע מאנדלען פון 2.50 ביז 5 זלאָטעס אַ קילאָ
אויך איז מיין געשעפט פערזעהן מיט טאָרטען, זיסטען, צוקערוואָרג, שאָקאָלאדען פון די בעסטע פירמעס.
ס׳ווערט אויך אנגענומען הויז-באַק וואס ווערט אויסגעפיהרט שנעל.
רעיעלע בעהאַנדלונג.

ZADOWOLENIE PAŃ
to piękna i czysta cera
a creme
i mydło „LACTOLIN“
usuwa piegî i plamy.
— Żądać wszędzie. —

TORGSIN
OGÓLNOZWIAZKOWE ZJEDNOCZENIE DLA HANDLU Z CUDZOZIEMC. MOSKWA, KUZNIECKIJ MOST 14
אָנווייזונגען אויף אלע שטערט פון סאָוו.-רוסלאַנד אויף „טאָרגסין“ נעמט אָן:
Bank Gospodarst. Krajowego, Bank PKO. און אַבטײל. (פ.ק.אָ. ביי אלע פּאָסט-אַמטען קאָנטע 22.000)
Pow. Bank Kredytowy SA., Bank Zachodni S.A., Tow. „Hias“, Pow Bank Związkowy Bank Handlowy. Bank Związku Spółek Zarobkowych, D|B T. Bunimowicz, Wilno
Oddział Banku Drezdeńsk. w Gdańsku, ווי אויך די פירמעס Biuro Posyłek און B-cia Pakulscy
ווערט - בריעף נעמען אָן אלע פּאָסט-אמטען. אַ בעדייטענדע פרייזען=הנחה אויף די אימפּאָרט-און עקספּאָרט=סחורות פון „טאָרגסין“.
אינפאָרמאציעס ערטיילען אלע דערמאנטע אינסטיטוציעס און:
Przed. Handl. Z.S.R.R. w Polsce, Warszawa Koszykowa 4. tel. 9-58-83

נויטווענדיג צום האַלטן באַקן און פרעגלען!

צערעס

כשר לפסח

Ceres

צערעס דער אידעאַלער קאַקאָס פעטס ווערט אויסגעאַרבייט אונטער דער שטרענגער השגחה פון הרב ר' שמחה פרענקעל פון סקאַווינא
און קען ספּעפּהלט ווערן אפילו למהדרין-מן המהדרין סכס בלויז אין אָריגינאַל-פּאַקונג. צו ½, ¼, ⅛ קג. אָהן פאַקונג קיינמאל נישט סכס.

הינדע באַטשאַן נ"ע

איז בליהענדען עלטער פון 25 יאָהר איז נעכטען געשטאָרבען די טאָכטער פון אונזער רעדאַקטאָר און לאַנגיעהריגער ארויסגעבער פון דער „טשענסטאָכאָווע צייטונג" ה' בעריל באַטשאַן, מאַגיסטער פון קלאַסישער פילאָלאָגיע, הינדע נ"ע.

נאָך אין יודישען גימנאַזיום איז זי געווען איינע פון די פעהיגסטע שילערינס און זיך אויסגעצייכנט אין אַלע לימודים, וועלכעס זי האט געענדיגט נאָך נישט אַלט זייענדיג קיין גאַנצע 17 יאָהר.

אויפ'ן אוניווערזיטעט האט זי זיך אויסגעקליבען דאָס שווערסטע געביעט: לאַטיין און האט אויך געענדיגט מיט אָנאויסצייכנונג.

אין פריוואַטען לעבען האט זי פּערמאָגט זעהר פיעל מעלות: בעשיידען, צאַרט און סובטעל, וועגען דעם ווייסען אַמבעסטען צו זאָגען אַלע איהרע בעקאַנטע און שילער, וועלכע האבען נעכטען ביים פרישען קבר אַזוי ביטער געוויינט.

אַ פרישער יונגער בוים איז אָוועקגעריסען געוואָרען, וועלכער האט נאָך געקענט זעהר פיעל פון זיך ארויסגעבען און שאַפען.

כבוד איהר אָנדענקען!

סטאַטיסטיק פון אַנשטעקענדע קראַנקהייטען און טויטפאַלען אין טשענסטאָכאָוו.

אין דער שטאָדטישער געזונדהייטס-אָבטיילונג זענען פּערג. וואָך פערצייכנט געוואָרען 5 פאַלען פון אַנשטעקענדע קראַנקהייטען, פון דעם: בויך-טיפוס 1, געהירען-ענטצינדונג 1, טראַכאָמע 1 און רויז 2.

אין משך פון דער זעלבער וואָך זענען אין אונזער שטאָדט געשטאָרבען 28 קריסטען און 11 יודען.

פון דער פּאָליציי.

ווי מיר האבען שוין געשריבען, פּערלאָזט דער פּאָוויאַטאָווי פּאָליציי קאָמענדאַנט נאַדקאָם. גראַבאָווסקי זיין ביזאיצטיגען אַמט. נאַדקאָם. גראַבאָווסקי איז בעשטימט געוואָרען אַלס לייטער פון דער פּערסאָנאַל אָבטיילונג אין דער וואָיעוואָדישער פּאָליציי-קאָמענדע אין לובלין.

אַלס שטעל-פּערטרעטער פון נאַדקאָם. גראַבאָווסקי זאָל נאָמינירט ווערען אַלס פּאָוויאַטאָווי קאָמענדאַנט אין טשענסטאָכאָוו דער לייטער פון 1-טען קאָמיסאַריאַט אין סאָסנאָוויץ קאָם. טשעשעלסקי.

דער פּערטרעטער פון היגען פּאָוו. קאָמענדאַנט פּאָדקאָם. דרוזשבאַ איז מיט עטליכע טעג צוריק איבערגעטראָגען געוואָרען אויפ'ן אַמט פון פּאָוויאַטאָווי פּאָליציי-קאָמענדאַנט אין קאָזיעניץ.

מעלדונג.

און צוזאַמענהאַנג מיט דער מעלדונג וואָס האָט זיך בעוויזען אין דער „טשענסטאָכאָווער צייטונג" № 13. פון ה' אָפּמאַן, אַז די ביטע וואָס איז געוואָרען צוגעשיקט אין דער סטאַראָסטוואָ, וועגען זיין טאָכטער'ס האַנדווערקער-קאַרטע, איז פּערזעהען מיט'ן סטעמפּעל פון האַנדווערקער-פערבאַנד, פּאָדער'ן מיר אויף דעם ה' פ. אָפּמאַן אין פערלויף פון 3 טאָג דאָס צו דערווייזען. און געגענפאַל וועלען מיר רעאַגירען אויף א געהעריגען אויפ'ן.

מיט אַכטונג

די פערוואַלטונג פון האַנדווערקער פערבאַנד, אָפּט. טשענסטאַכאָוו.

מעלדונג.

און צוזאַמענהאַנג מיט דער מעלדונג, וואָס האָט זיך בעוויזען אין דער „טשענסטאָכאָווער צייטונג" № 13. פון ה' פ. אָפּמאַן, ערקלערען מיר אַז לויט'ן געזעץ שטעהען די צעכען אויפ'ן שטאַנדפּונקט פון בעקעמפען די אונלעגאַלע אַרשטאַטען.

די מעלדונג, וואָס איז געוואָרען אייגעשיקט אין דער סטאַראָסטוואָ, איז געווען לויט אַ בעשלוס פון דער פערוואַלטונג פון פריזיער-צעך.

מיט אַכטונג

די פערוואַלטונג פון פריזיער-צעך אין טשענסטאַכאָוו.

דאַנקזאַגונג.

מיר דריקען אויס אונזער איניגסטען דאַנק די אַלע וועלכע האָבען געשפענדעט פּאַר'ן בופעט. די אָרדנער ווי אויך די אַלע וועלכע האָבען צוגעהאָלפען צום ערפאָלג פון אונזער פערוויילונג.

קירזשנער, קאַפּעלושען און היטעל-מאַכער צעך

אונזער חשוב'ן רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער

ה' ב. באַטשאַן און פאַמיליע

צוליעב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער הייס-געליבטער טאָכטער און שוועסטער,

מאַגיסטער פילאָלאָגיע **הענלאַ** נ"ע

דריקען אויס מיטגעפיהל

דאָס זעצער און דרוקער-פּערסאָנאַל פון דער „טשענסטאָכאָווער צייטונג".

מיר נעמען אַנטייל אין צער פון דער **פאַמיליע באַטשאַן** צום פריהצייטיגען טויט פון זייער אונפערגעסליכער טאָכטער און שוועסטער

הינדע נ"ע

און דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל.

שלמה זילבערבערג און פאַמיליע.

דעם ה' **בעריל באַטשאַן** און פרוי, **יעקב, עזיאל** און **פראַניא**

צום פריהצייטיגען טויט פון זייער אונפערגעסליכער, טייערער טאָכטער און שוועסטער

הינדע נ"ע

דריקען אויס מיטגעפיהל און נעמען אַנטייל אין זייער גרויסען צער און טיעפען טרויער פון זייער אויסגעריסענעם יונגען בוים

מרדכי קויפמאַן און פרוי.

מיינע הארציגע לאַנגיעהריגע פריינד, דער **פאַמיליע באַטשאַן** צוליעב דער גרויסער אבידה פון זייער הייס-געליבטער טאָכטער

הינדע נ"ע

מיין טיעפסטען מיטגעפיהל

ש. פראַנק.

מיר נעמען אַנטייל אין צער פון דער **פאַמיליע באַטשאַן** צוליעב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער אונפערגעסליכער טאָכטער און שוועסטער נ"ע **הינדע** און דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל.

פייוויש אַלטמאַן און פרוי.

דער **פאַמיליע באַטשאַן** צוליעב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער הייסגעליבטער טאָכטער און שוועסטער נ"ע **הינדע** אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל

חיה און משה לעדערמאַן.

דער חשובער **פאַמיליע באַטשאַן** אין זייער צער צוליב'ן פּלוצלינגען טויט פון זייער טאָכטער **הענלא** נ"ע דריקען אויס טיעפען מיטגעפיהל,

רוזשע און אברהם בראַט.

דער געעהרטער **פאַמיליע באַטשאַן** דעם טיעפסטען מיטגעפיהל צוליעב'ן טויט פון זייער אונפערגעסליכער טאָכטער און שוועסטער

הענעלא נ"ע

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

ליפּמאַן קאַפּינסקי.

דער לאַנג-יעהריגער און גוט-בעקאַנטער

שניידער = וואַרשטאַט

פון **מ. גוטמאַן**

איז איבערגעטראָגן געוואָרען פון פּילסודסקי גאַס 21

אויף אַלעע 35

און עמפּפעהלט זיך ווייטער דער געעהרטער קונדשאַפט.

Najstarsza w Częstochowie

FARBIARNIA i Chemiczna Pralnia A. HEININGER

poleca się na sezon wiosenny, jak zwykle, pierwszorzędnem wykonaniem, oraz konkurencyjnemi cenami.

Sklep: ul. P. Marji 32
Fabryka: Zaciszańska 8
Telefon 13-60.

Zakłady Przemysłowe S. Rajchman i N. Rozencwajg

Spółka Komandytowa

Częstochowa, Tartakowa 15|29, telef. 24-20.

polecają:

posadzkę dębową na podłogi

w wyborowym gatunku

PO CENACH BARDZO PRZYSTĘPNYCH.

Dostawa wszelkiego drzewa budowlanego i stolarskiego.

וויכטיג פאַר דאַמען!

די נייעסטע מאָדערנסטע **דאַמף = אַפּאַראַטען** ווי אויך **עלעקטרישע אַפּאַראַטען צו לאָנגדויערענדע אָנדולאַציעס** איז נאָר פערהאַן אין דעם לאַנג-יעהריגען בעוואוסטען **פריזיר=אַנשטאַלט**

„סאַניטאַס", 1 אַלעע № 7

ווילסטו האבען א שעהן-אָנדולירטען קאָפּ? בעזוך דעם ערשטקלאַסיגען אַנשטאַלט „סאַניטאַס".

מעסיגע פרייזען.

פּאַקאַסט, פאַרבען, לאַקיר, שעלאַק, צעמענט, גיפּס און בעמיקאַליען.

הורט - רעטייל.

J. HOFFMAN, Częstochowa

I-sza Aleja 2. Tel. 14-27.

Szkoła tańców

baletm. K. KOSTECKIEGO,

w lokalu własnym Waszyngtona 6.

Przyjmuje zapisy na kursy, lekcje pojedyńcze codziennie od 10 rano do 10 w.

אכטונג: יעדען שבת פּראַקטישע לעקציע פאַר יודישע געזעלשאַפט אַנהויב 8 אָוונד.

לעצטע מוזיק-שלאַגערס. צוגענגליכער אָפּצאָל.

שפּאָרזאַם און פּראַקטיש

איז נאָר צו קויפען אין דער פירמע

ל. לעדערמאַן, אַלעע 7

וואו ס'איז צו בעקומען צום קומענדען סעזאָן

אַ גרויסער אויסוואַהל פון אַלערהאַנט

מאַנופאַקטור=סחורות

נידריגע אָבער פעסטע פרייזען.

געדענקט די אַדרעס **ל. לעדערמאַן, אַלעע 7 №**

הורט-רעטייל.

פּאַרבעריי און כעמישע וועשעריי

„BENETA"

ב. יאָסעלעוויטשאַ 11

(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאַפּעלושאַרניע)

אונטער דער לייטונג פון אַנ'אַבסאָלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע-שולע אין וואַרשא מיט לאַנגיעהריגער פּראַקטיק

ספּעציאַליטעט:

1) פאַרבען לויט מוסטערן,
2) דעמאַשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ'ן אָרט),
3) כעמיש רייניגען און פּאַסאָנירען קאַפּעלושען,
4) וואַשען שטייפע מענער-וועש מיט אַ דויערהאַפטען שפּיגעל גלאַנץ.

די פרייזען בעדייטענד ערנידריגט.

ביליגסטע קוועלע | פּריוואַט=וואוינונג: אַלעע 8

ווילסטו שפּאָרען געלד אין קויפען די בעסטע **מאַנופאַקטור-סחורות**

ביליגער ווי איבעראַל – קויף נאָר אין דער בעקאַנטער פירמע פון

משה נורעלמאַן, אַלעע 8

(פּריוואַט=וואוינונג)

דאָס געשעפט איז פערזעהען צום זומער-סעזאָן מיט אַלע סאָרטען מאָדערנע סחורות: אויף אַנציגער, זומער=פּאַלטענס, קאָסטיומען, ספּאָרט=סחורות אויף קינדער=אַנציגלעך, שטרייף=הויזען. ווי אויך אַלע אַנדערע סאָרטען סחורות.

פאַר שניידער ספּעציעלער ראַבאַט. קומט און איבערצייגט אייך.

מ. נורעלמאַן, אַלעע 8, פּריוואַט=וואוינונג.

„ATLANTIC"

גרויסער דאָפּעלטער פּראָגראַם!

פליפּ און פלאָפּ

אין פילם

SYNOWIE PUSTYNI

און די מעכטיגע דראַמע

KOBIETA ORCHIDEA

Kino „LUNA"

די פרעהליכסטע קאָמעדיע פון סעזאָן!

STWORZONA DO CAŁOWANIA

מיט דזשין האַרלאָו, ל. באַרימאָר, ל. סטאָן א"א

Redaktor i wydawca: B. Bocian

Druk. B. Bocian, Aleja 6